STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09917

UNDZERE BAFRAYER

G. Kenig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג. קעניג

אונדזערע באַפרייער

פאַרצייכענונגען
פון אַ געוועזענעם קריגס-געפאַנגענעם

פאַריז 1952

הילע געצייכנט פון מ. באַהעלפער

G. KŒNIG:
Unsere Bafreier

ÉDITIONS " OFSNAÏ " - 14, rue de Paradis, PARIS-Xe

פאָרוואָרט

מיט זיבן יאָר צוריק...

געווען איז דאָס מיט זיבן יאָר צוריק, ווען אין פאַרלויף פון די חדשים יאַנואַר-מאַי 1945 האָבן זיך, אונטערן דרוק פון דער בליצאַרטיקער אָפענסיווע פון דער סאָוועטישער אַרמיי און פון איר שנעלן פאָראויסמאַרש אויפן וועג וואַרשע-בערלין, געעפנט די טירן פון די נאַצישע קאָנצענטראַציע-לאַגערס און טויזנטער יידן פון פראַנקרייך, פוילן, אונגאַרן, רומעניע, גריכנלאַנד און פון אַנדערע לענדער זענען באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער דעפּאָרטירטע און קריגס-געפאַנגענע פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

וואָס פאַר אַ גליקלעכע און פריידיקע טעג זענען דאָס געווען פאַר די דורך הונגער און דיזענטעריע אויסגייענדיקע „מוזולמענער" — ווען זיי האָבן דערזען די רויט-אַרמייאישע טאַנקיסטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ באַזונדערע מיסיע פאַרצולויפן די ס.ס. און אָפּצוראַטעווען די רעשטלעך לעבן-געבליבענע אין די היטלערישע אויסראָט-לאַגערס.

וואָס פאַר אַ דערהויבענע מינוטן זענען דאָס געווען פאַר די טויזנטער צום טויט-פאַרמשפּטע מענער און פרויען, ווען

זיי האָבן מיט די לעצטע כוחות געהויבן זייערע אויסגע־דאַרטע, ביינערדיקע הענט, כדי צו באַגריסן זייערע באַפרייער.

די דאָזיקע הענט האָבן געהערט צו מענטשן, וואָס האָבן אין די פאַר־מלחמהדיקע יאָרן און אויך אין די ערש־טע יאָרן פון קריג געהאַט פאַרשיידענע מיינונגען און באַ־גריפן וועגן לאַנד פון סאָציאַליזם און וועגן נייעם סאָוויע־טישן מענטשן. אָבער אין די דאָזיקע דערהויבענע מינוטן זענען די הענט פון די דאָזיקע אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות געראַנגלט פאַרן לעבן, געווען גע־אייניקט אין זייער אויפסניי־אויפטויכנדיקן באַוווסטזיין, באַגריסנדיק אין די רויט־אַרמייער זייערע באַפרייער און די באַפרייער פון דער מענטשהייט פונעם נאַצישן גרויל.

וואָס פאַרא גליקלעכע און פריידיק־ציטערדיקע מי־נוטן זענען עס געווען פאַר די יידן פון פראַנקרייך און פון אַנדערע לענדער, ווען זיי פלעגן דורכן ראַדיאָ אויפנעמען די נעמען פון די דורך דער רויטער אַרמיי אויסגעלייזטע יידי־שע קאַצעטלער און קריגס־געפאַנגענע.

דאָס איז געווען מיט זיבן יאָר צוריק...

און היינט, זיבן יאָר שפּעטער, זענען מיר עדות ווי עס ווערן באַנייט אַלע מעגלעכע פּראָוואָקאַציעס און פאַרשווע־רונגען לגבי די סאָוועטישע פעלקער, וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען אונדזער לעבן און פרייהייט, און די רעטונג און קיום פון יידישן פאָלק. מיר זענען עדות פון אַ ווילדער קאַמפּאַניע פון אַנטי־סאָוועטישן האַס און רכילות, אין וועל־כער עס באַטייליקן זיך יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער פּען און געוויסן. יידישע רע־אַקציאָנערע און „סאָציאַליסטישע" פירער רופן, צוגלייך מיט אַלע ערגסטע שונאים פון יידישן פאָלק, וואָס גיכער אַנצו־

הייבן אַ „הייליקן" קרייצצוג קעגן לאַנד פון סאָציאַליזם, וואָס האָט געגעבן דעם גרעסטן בלוט-שטייער אין דער באַפרייערישער אַנטי-היטלערישער מלחמה.

איז דעריבער פון אַ באַזונדערן באַדייט דאָס צוטראָגן פאַרן יידישן לייענער די דאָזיקן זייטלעך, וואָס לעבן פאַר אונדז אויף מיט אַזאַ קלאָרער און אויפריכטיקער קראַפט די בילדער און זכרונות פון די טעג פון אונדזער באַפרייאונג און פון דער מיליטערישער מפלה פונעם היטלער-פאַשיזם. די דאָזיקע זייטלעך זענען געשריבן דורך איינעם פון די באַליבטסטע טוער פון די פּראָגרעסיווע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך, דורכן שעף-רעדאַקטאָר פון דער „נייע פרעסע", ג. קעניג — וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַלס קריגס-געפאַנגענער דעם דאָזיקן פרייריקן און גליקלעכן מאָמענט פון ווערן באַפרייט דורך דער רומפולער סאָוויעטישער אַרמיי, און וואָס איז לעצטנס געוואָרן באַזונדערס דאָס ציל-ברעט פון דער יידישער רעאַקציע.

די דאָזיקע זייטלעך וועלן, אָן צווייפל, אויפגענומען ווערן דורך דער מערהייט פון אונדזער יידיש-רעדניקן ישוב מיט דער גרעסטער פרייד און אָנערקענונג.

דאָס בוך וועט זיין אַ וויכטיקער ביישטייער צום קאַמף, וואָס מיר פירן צוזאַמען מיט אַלע דעמאָקראַטישע כוחות פאַר שלום און דעמאָקראַטיע, און וועט העלפן נאָך שטאַרקער אויסשמידן דעם דעצידירטן און איינהייטלעכן ווילן פון די ברייטע יידישע פאָלקס-מאַסן קיינמאָל נישט אויפצוהייבן די האַנט קעגן אונדזערע באַפרייער און רעטער.

י. קאָרמאַן

קאַפּיטל 1

אין „קראַנקען־רעוויר"

ווי לאַנג דויערט ער אַזוי דער קאַשמאַר ? אַ מעת־לעת, צוויי, דריי ? מיין בליק פאַלט אויפן חושכדיקן באַראַק־צימערל מיט די צוויי־שטאָקיקע רייען בעטלעך. עס הערן זיך שטילע קרעכצן.ביים טיש זיצט עמעצער, אַ האַלב־אָנגעטוענער, און קראַצט פאַר־עקשנט מיט אַ שוואַרצן לעפל אַ ליידיקן, בלעכענעם טעלער, ווי ער וואָלט געגלויבט נאָך אַרויסצושלאָגן פון דאָרט אַ פּאָר טראָפּנס זופּ, פּונקט ווי משה האָט פונעם שטיין אַרויסגעשלאָגן וואַסער.

אויפן בעטל לעבן מיר — אַ מיטליאָריקער פראַנצויז מיט אַ פּאָר אַראָפּהענגנדיקע פּיס. ער לייגט אַ פרישע לאַטע אויף זיינע הויזן, וואָס זענען צוזאַמענגעשטוקעוועט פון די פאַרשידנסטע קאָלירן שטאָף — בלאָ, גרין, ברוין, כאַקי — אז עס איז שוין אומ־מעגלעך צו וויסן, וואָס פאַר אַ פאַרב די הויזן האָבן אַמאָל געהאַט.

— און איך זאָג דיר — שרייט איינער אַריבער פון אַן אויי־בערשט בעטל צו אַ קראַנקן פון קעגנאיבער, — איך זאָג דיר, אַז עס איז נאָכנישט אַלץ פאַרשפּילט... זעסטו, ווען מיר וואָלטן געהאַט בענזין פאַר אונדזערע טאַנקען...

— בלויז בענזין האָט אונדז געפעלט ? — ענטפערט אים אָפּ אַ סאַרקאַסטיש קול. — עס האָט געפעלט מען זאָל אונדז נישט

פאַראַטן. זיי האָבן אונדז פאַרקויפט, די פינפטע קאָלאָנע... איצט באַלעבאַטעווען זיי דאָרט און מיר זיינען דאָ...

— און איך זאָג דיר, אַז עס איז נאָכנישט אַלץ פאַרשפּילט...

●

און אויפסניי הייבט זיך אָן דער קאָשמאַר. „שנעל, שנעל, גייט אַריבער אין דער צווייטער טראַנשיי — באַפעלט אונדז דער אונ־טער־אָפיצער — דער אָנלאָדער פון מאַשין־געווער איז דערהרגעט געוואָרן”... מיר שפּרינגען אַרויס, זשאַן דער בעלגיער און איך, פון אונדזער גרוב און פאַלן גיך אַריין, אונטער אַ האָגל פון שראַפּ־נעלן, אין דער שכנותדיקער טראַנשיי, ווו עס געפינט זיך אַנרי מיט זיין קליינעם מאַשין־געווער. „די קוילן... לאָדט אָן גיכער... אַך, די „סאַלאָ”...

אַרום אונדז ציטערט די ערד. ווי טויזנטער הונגעריקע שאַ־קאַלן צונויפגענומען וואָיען די „שטוקאַס” איבער אונדזערע קעפּ. גאַנצע בערג זאַמד, שטיינער, שטויב הייבן זיך אויף צום הימל נאָך יעדער אַראָפּגעפאַלענער באָמבע. „דאָסמאָל איז עס פאַר אונדז” — מורמלט זשאַן. ניין, די באָמבע איז געפאַלן אַ פּאָר מע־טער ווייטער.

דער געוואָי פון די „שטוקאַס” מישט זיך אויס מיטן געפייף פון די אַרטילעריע־שראַפּנעלן און מיט דער זשומעריי פון די קוילן פון די דייטשע מאַשינען־געווער. פון צייט צו צייט הערן זיך היל־כיקע, דומפּע קלעפּ, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט אומאויפהערלעך אויפגעריסן און פאַרקלאַפּט אַ טיר פון אַן אויף־הפקר־געלאָזט הויז. דאָס זענען די פיינטלעכע מאָרטיערס.

דער שונא איז אויבן. ער איז פאַר אונדז. ער איז פון רעכטס און פון לינקס, אין די דערבייאיקע וועלדלעך.

„די קוילן... די קוילן!”... — רייסט זיך אַריין אַנריס אָפּגע־האַקט קול אינעם גיהנומדיקן רעש.

מיר שטעקן פאַרזיכטיק אַרויס די קעפּ, דערלאַנגען די סעריעס קוילן און נעמען צילן מיט אונדזערע ביקסן אויף לינקס, ווו פונעם וועלדל הייבן זיך אָן אַלץ קלאָרער באַוועגלעכע סילועטן. ערד, שטויב, רויך. עס ברענען דיביימער. אַ שוואַרצע, אָפּגע־סמאַלעטע וואַנט קוקט אויף אונדז פאַריתומט. דאָס איז דער איינ־ציקער גאַנץ־געבליבענער זכר פונעם הויז ביים וועג, ווו מיר זענען נאָך נעכטן געגאַנגען אָנשעפּן וואַסער צום טרינקען. עס וואַלגערן זיך פערד מיט צעעפנטע בייכער. עס יאָמערן מיט כמעט־מענטשלעכע קולות קי, וואָס לויפן אַרום מיט פולע איי־טערס מילך און וועמענס מיט בלוט־אָנגעגאָסענע, אַרויס־שטאַרצנדיקע אויגן זוכן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר.

דאָס דויערט בלויז אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע. באַלד מישט זיך אַלע צונויף — די פערד, די קי, די ברענענדיקע ביימער, די שוואַרצע וואַנט, דאָס דערבייאיקע וועלדל — אין איין פאַר־נעפּלטן וואַנזיניקן שדים־טאַנץ. ביסט אינגאַנצן אָנגעשטרענגט אויפן צינגל פון דער ביקס. אָט דאָרט... דאָרט איז דער פיינט.

אַ געשווישטש פון אַ קויל פאַרטויבט מיין אויער. די האַנט הייבט זיך אינסטינקטיוו אויף צו דער באַק. מיין האַנט איז פול מיט בלוט. ניין, נישט מיך האָט די קויל געטראָפן. מיין חבר זשאַן האָט שטיל זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער טראַנשיי. קיין איין וואָרט. קיין איין קלאַנג. ער האָט באַקומען די קויל אין שלייף.

ניין־און־צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען. איבערגעלאָזט אין דער היים אַ פרוי מיט פינף קינדער. געאַרבעט אַלס פויער אין צפון־פראַנקרייך. איצט איז ער טויט, מיין בעלגישער חבר זשאַן פון דער צווייטער גרופּע, דריטע סעקציע, פינפטע קאָמפּאַניע פון 22־טן רעגימענט.

— שנעלער, — שרייט דער אונטער־אָפיצער — נאָך איינער צום מאַשין־געווער, דער אָנלאָדער איז דערהרגעט געוואָרן.

געווען איז עס דעם 6־טן יוני 1940 אינדערפרי אויף צפון פון שטעטל מאַרשעלעפּאָ ביים טייך סאָם.

●

און אויפסניי קאָשמאַרן. „גאָרנישט צו מאַכן. מיר זענען אַרומ־גערינגלט... זיי זענען שוין זיבט צוויי טעג פערציק קילאָמעטער הינטער אונדז. דער סאַניטאַר־אויטאָ מיט די פאַרוווּנדעטע איז צוריקגעקומען, נישט געקענט אַדורך״...

— כ׳האָב ביז איצט נישט פאַרשטאַנען, געווען בלינד... — רעדט שטיל, ווי צו זיך אַליין, מיין חבר דיאַמאַנט, דער ציוניסט — נישט געזען, אַז מען האָט אונדז פאַרקויפט. קיין איין אַוויאָן, קיין איין טאַנק אונדזערער... פאַרקויפט, פאַרקויפט...

...פאַרבלאָנדזשעטע וואַגאָנען. זעכציק געפאַנגענע אין יעדן וואַ־גאָן. אַ טאָג, אַ נאַכט, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט. און אָט איז דער לאַגער... „לאָס ! לאָס !! לאָס !!!״ — האָגלען קאָלבעס איבער די קעפּ... 5 שעה אונטער דער ברענענדיקער זון אויף „אַכטונג״. דער פעלדפעבעל „באַראַקען״ לאָזט אַראָפּ דעם שטעקן אויף אַ געפאַנגענעם. יענער ווישט אָפּ מיטן אַרבל דאָס בלוטנדיקע פּנים, ציט אויס די האַנט צום פעלדפעבעל און — אַ הילכיקער פּאַטש קלינגט אָפּ... „באַראַקען״ וואַקלט זיך אויף די פיס, פאַלט... ביי אַלעמען איז דער אָטעם אָפּגעהאַקט... די בלעכערנע פושקעס אין די הענט פון די געפאַנגענע בלייבן פאַרשטאַרט. דער שעפּ־לעפל פון קוכער מיט דער פאַרציע וואַסער־„זופּ״ איז אויסגעצויגן אין דער הייך... די דייטשע וואַכלייט זענען ווי פאַרגליווערט... אַ רגע... און גלייך רייסן זיי זיך אַריין מיט אַ חיהשן געברום צווישן די גע־פאַנגענע, שלעפּן אַרויס דעם פראַנצויז...

— אין די באַראַקען ! — כריפּעט די רוגזהדיקע שטים פון פעלדפעבעל — קיינע זופּע פיר דיזע שוויינע...

●

איך עפן די אויגן. דער דאָזיקער באַראַק איז מיר גוט באַ־קאַנט. ס׳איז איצט מערץ 1942. דאָס ערשטע מאָל געקומען דאָ, אין „קראַנקען־רעוויר״, מיט אַ צעשניטענער האַנט, אין יולי 1940. שוין באַלד צוויי יאָר. געווען איז עס גלייך נאָכן ברענגען אונדז פונעם מזרח־פרייסישן הויפּט־לאַגער אין האָהענשטיין — אינעם שטעטל פּרייסיש־האָלאַנד. אַ גאַנצן טאָג איז דאָ אַרומגעלאָפן מיט אַ רוצחיש פּנים דער „עלטסטער". „איר פאַרפלוכטע פראַנצאָזען, פּאָולענצער, אומזיסט ווילט איר עסן דאס דייטשע ברויט!"... מיט די בלעכערנע טעלערס האָט ער געקלאַפּט די קראַנקע איבער די קעפּ. און אַ הונט האָט ער געהאַט, איז ער געווען לאַנג און דאַר, ווי זיין באַלעבאָס, מיטן זעלבן וועלפישן קוק, מיטן זעלבן הייזע־ריק־דראָענדיקן קול... האָט ער דעם הונט אָנגערייצט אויף די, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט אין זיינע אויגן.

און אָט דאָ דערלעבן האָב איך דעמאָלט, זיך אויפכאַפּנדיק פאַרטאָג, געזען ווי מיין שכן הוידעט זיך צווישןביידע בעטלעך אויפן הויזן־פּאַסעק, אויף וועלכן ער האָט זיך אויפגעהאָנגען.

— דאָקטאָר, שרייבט מיך גיך אויס פון דאַנען. איך קען נישט מער...

דער פּוילישער דאָקטאָר באַטראַכט מיין צעשניטענע האַנט, שאָקלט צו מיטן קאָפּ. זיין בליק וואַנדערט גיך איבער פון מיין פּנים צום פענצטער, צו דער טיר, ער בייגט צו צו מיר דעם קאָפּ. זיינע ליפּן רירן כמעט אָן מיין אויער, וואָס כאַפּט אויף קוים־הערבאַרע ווערטער :

— הונדערט פופציק קילאָמעטער איז פון דאַנען צו דער רו־סישער גרענעץ... אויב איר ווילט... מיר האָבן אַדרעסן אויפן וועג... היינט ביינאַכט... מיט אים, מיט טאַדעקן, — גיבן זיך זיינע אויגן־

וויעס אַ באַוועג אין דער ריכטונג פון דער טיר, ווו עס זיצט אויף אַ באַנק אַ פוילישער געפאַנגענער מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ.

●

דער קאַשמאַר הייבט זיך ווידער אָן. איך זע זיך אין נויגוט, אַ גרויסע מלוכהשע פערמע ביי פרייסיש־האָלאַנד. דער דייטשער קאַפּיטאַן, וואָס איז געקומען זען, ווי עס אַרבעטן זיינע שקלאַפן, איז אין אַ גוטער שטימונג. „יאַ, מאָסקאַו קאַפּוט... די יודען... דער פירער גראָסער מאַן... זי שפרעכן דאָך דויטש, זאַגען זי אירען קאַמאַראַדען... די באָלשעוויקען, די סאָוויעטס... דאָס זינד קיינע ציוויליזירטע לויטע... באַרבאַרען... יאָ, דער פירער... די יודען, די יודען די מיסן אַוסגעראָטעט ווערדען, אַוס־גע־ראָ־טעט".

יודע... יודע... אָן אויפהער באַגלייט דיך דאָס דאָזיקע וואָרט. יעדער קלונג פון גרויסן פערמע־זייגער שלאָגט אָפּ אין דיינע אויערן: יודע... דער ווינט דערטראָגט צו דיר זיין נערוועזן: יודע... פון אַלע לידער, וואָס זיי זינגען, די פון דער היטלער־יוגנט און די סאָלדאַטן פון דערבייאיקן גאַרניזאָן ווערט איין געברום: יודע... די דיקע, אייזערנע שטאַכעטן אויפן פענצטער פון אונדזער לאַגער־באַראַק בילדן גאַנצע שורות מיטן לאַטיינישן אות „יאָט", וואָס קוקן אויף דיר און דערמאָנען דיר מיט שנאה און דראָונג: יודע, יודע...

און עס ווילט זיך אויפשפרינגען און אַ געשריי טאָן צום דייטשן קאַפּיטאַן:

— ניין, מאָסקאַו נישט קאַפּוט... דאָס וועט היטלער זיין קאַפּוט... און איך בין נישט קיין קאַטאָליק, ווי ס'איז פאַרשריבן אויף מיין געפאַנגען־קאַרטע, נאָר אַ ייד, וואָס שפייט דיר אין דיין מיאוסן פרצוף...

•

ס׳איז גרויס און ברייט מיין טייערע מדינה
מיט פעלד און וואַלד, מיט טייכן איז זי רייך
נאָך אַ לאַנד אַזאַ ווייסט נישט געפינען
ווו דער מענטש זאָל לעבן אַזוי פריי...

איך כאַפּ זיך אויף. ניין, דאָסמאָל איז עס מער נישט קיין קאָשמאַר. שטילע טענער פון אַ באַקאַנטער מעלאָדיע דערטראָגן זיך צו מיר. אייניקע זילבן שלאָגן זיך אָן אין מיין געהער, וואָס ווערט אַלץ וואַכעדיקער, אַלץ אויפמערקזאַמער און פאַנגט זיי ווי טייערע פּערל... יאָ, איך דערמאָן זיך. אַזויפיל מאָל געהערט דאָס ליד זינגען אין פּאַריז, אויף יידיש דורכן אַרבעטער־כאָר...

שיראָקאַ סטראַנאַ מאַיאַ ראָדנאַיאַ,
אי מנאָגאַ וונעי לעסאָוו, פּאָלעי אי רעק.
יאַ דרוגאָי טאַקאָי סטראַני נע זנאַיו.
גדע טאַק וואָלנאָ דישעט טשעלאָוועק.

וואָס פאַר אַן אָנגענעמע באַריטאָן־שטימע ! עמעצער זינגט אין רוסיש דאָס סאָוויעטישע ליד.

— האָסט געהאַט שטאַרקן פיבער... האָסט כסדר גערעדט פון היץ... — זאָגט מיר דער פראַנצויזישער סאַניטאַר, וואָס שטייט ביי מיין בעטל און אָבסערווירט מיך שוין, ווייזט אויס, זינט אַ ווייַלע.

— ווער זינגט עס דאָרט ?

— דאָס איז דער יונגער רוסישער דאָקטאָר, דער פון די סאָוויעטישע געפאַנגענע.

כ׳האָב שוין געזען סאָוויעטישע געפאַנגענע פון דער ווייטנס. די וואַכלייט האָבן אונדז קיינמאָל נישט געלאָזט צוגיין נעענטער צו זיי.

ווי נאָר כ'האָב געקענט אַראָפּשטעלן אַ פוס, בין איך אַרויס אין דעם ענגן הייפל, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן מיט שטעכל־דראָט און ווו אַ וואַך איז שטענדיק געווען ביים אריינגאַנג.

פון אַ פאַרקראַטעט פענצטערל ביים שכנותדיקן באַראַק האָט אַרויסגעקוקט אַ יונג, צעשמייכלט פּנים מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר. דאָס איז געווען דער רוסישער דאָקטאָר, וועלכער האָט אַלס סאָ־וויעטישער געפאַנגענער בּישט געהאַט די „פּריווילעגיע" פון אונדז, פראַנצויזן, צו קענען פון צייט צו צייט אַרויס פונעם צימערל אויפן הייפל.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער זענען מיר, אַ גרופּע פראַנצויזישע גע־פאַנגענע, אַרומגעשטעלט ביים פענצטערל. עטלעכע האַלטן „שמירה" קעגן אַ „בייז אויג", ווייל עס וואָלט אונדז, און באַזונ־דערס דעם סאָוויעטישן דאָקטאָר, טייער געקאָסט, ווען מען כאַפּט אונדז ביים שמועסן צווישן זיך.

— פאַרשטייסט דאָך אַביסל רוסיש — זאָגן צו מיר די פראַנצויזן — פרעג אים, ווי עס זעט דאָרט אויס. איז טאַקע אמת, וואָס עס שרייבט דער „טרע־ד'איניאָן" 1), אַז עס איז אַזוי שלעכט דאָרט, אין רוסלאַנד ?...

דאָס ברייטע, צעשמייכלטע פּנים פון דאָקטאָר ווערט נאָך ברייט־טער און צעשמייכלטער. ער באַטראַכט אונדז מיט אַ געמיש פון סימפּאַטיע און באַדויער. מיר זענען פאַר אים ווי קינדער, וועמען מען האָט אָנגעשראָקן מיט אויסגעטראַכטע מעשות.

— זאָגט זיי, די חברים אייערע — רופט ער זיך אָפּ געלאַסן — אַז ביי אונדז, אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט זייער גוט אויסגעזען, און אַז יעדן טאָג איז דאָרט געוואָרן אַלץ בעסער. ווען נישט די

---

1) אַ פעטעניסטישע צייטונג פאַר די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס איז דערשינען אין בערלין.

מלחמה... אָבער זיי וועלן זי פאַרשפּילן, די מלחמה. איר קענט נישט אונדזער פאָלק...

דאָס געזעמל אַרום ווערט אַלץ גרעסער.

— אָבער ווי געפעלט אים דער רעזשים דאָרטן ?

— דער רעזשים ? פאַרוואָס זאָל ער מיר נישט געפעלן ? — צעלאַכט זיך דער דאָקטאָר — נעמט אַ שטייגער מיך גופא. איך בין איצט אַלט דריי־און־צוואַנציק יאָר. כ׳בין אַן אוקראַינער. איך הייס פיאָדאָר מיכנאָ. מיינע עלטערן זענען געווען אָרעמע פויערן. מיין פאָטער האָב איך קוים געקענט, און מיין מוטער איז גע־שטאָרבן, ווען איך בין אַלט געווען ניין יאָר. וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן ? אַ בראָדיאַגע, אַ גנב, אַ כוליגאַן... און זעט, וואָס די סאָ־וויעטישע מאַכט האָט געטאָן פאַר מיר. זי האָט מיך דערצויגן, געלערנט, געגעבן צו עסן, טאַשן־געלט, געשיקט אויף אָפּרו. און אַט בין איך שוין געווען דאָס דריטע יאָר אויפן אוניווערסיטעט אַלס סטודענט פון מעדיצין. טאָ פאַרוואָס זאָל מיר נישט געפעלן דער רעזשים ?

— גיב אים אַ פרעג צי ס׳איז טאַקע אמת, אַז ביי זיי זענען נישטאָ קיין קאַפּיטאַליסטן ? — ציט מיך ביים אַרבל אַ יונגער פראַנצויז.

— געווען אַמאָל, אין די צייטן ווען עס האָט געהערשט דער צאַר. — ענטפערט רואיק פיאָדאָר מיכנאָ — איצט געהערט אַלץ דעם פאָלק, די אַרבעטער, די פויערן, דער אינטעליגענץ.

איך דערלויב זיך צו שטעלן אַ פראַגע, אַביסל צוליב די פראַנ־צויזישע חברים און אַביסל כדי צו הערן, וואָס פאַר אַ תשובה עס וועט מיר דערויף געבן אַ יונגער סאָוויעטישער בירגער:

— אָבער די דייטשן און די צייטונגען, וואָס קומען אָן פון פראַנקרייך, דערציילן דאָך, אַז אין רוסלאַנד זענען דאָ אַ סך יידן, און אַז אַלע יידן זענען קאַפּיטאַליסטן ?

דער שמייכל אויף פיאָדאָר מיכנאָס פנים לעשט זיך מיט אַמאָל

אויס. ערשט איצט באַמערק איך די טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן, וועלכע זאָגן, צוזאַמען מיט דער געלבלעך־קרענקלעכער קאָליר פון זיין פנים, עדות אויף די איבערלעבונגען פון דאָזיקן יונגן מענטשן פאַר די לעצטע חדשים.

— ווי קענט איר אַזוינס זאָגן ! — זע איך אים צום ערשטן מאָל אין פאַרלויף פונעם שמועס זיך אויפרעגן — ווער האָט עס אייך איינגערעדט, אַז די יידן זענען אַנדערע מענטשן ווי מיר ? דאָס איז דאָך די העסלעכסטע פּראָפּאַגאַנדע. מיינע בעסטע חברים אין שול און אין אוניווערסיטעט זענען געווען יידן. איר האָט אפשר געקענט יידישע קאַפּיטאַליסטן ביי אייך אין פראַנקרייך, אָבער זיי זענען נישט בעסער און נישט ערגער ווי די נישט־יידישע קאַפּי־טאַליסטן. פאַרוואָס האָט איר נישט געזוכט די יידישע אַרבעטער, די ערלעכע יידן, וואָס זענען מסתם ביי אייך פאַראַן, פּונקט ווי זיי זענען דאָ ביי אונדז ?

און פּיאָדאָר מיכנאָ האָט אונדז געגעבן אַ לעקציע, ווי אַזוי דער צאַר האָט אַלץ געטאָן אויפצוהעצן דאָס פאָלק קעגן די יידן, כדי אויפצוהאַלטן זיין מאַכט, און ווי אַזוי די דייטשן און די פאַ־שיסטן אומעטום באַנוצן זיך מיטן אַנטיסעמיטיזם, כדי צו קענען לייכטער פאַרשקלאַפן און מאָרדן די פעלקער.

— אויך אונדז, סאָוויעטישע געפאַנגענע, פאַרטיילן זיי בלעט־לעך אין רוסיש, וווּ זיי שטעלן פאָר סטאַלינען און מאָלאָטאָוון אַלס יידן. צו עסן גיבן זיי אונדז נישט. זיי זשאַלעווען אָבער נישט די דאָזיקע גיפטיקע שפּייז. זעט, וואָס זיי האָבן פון אונדז געמאַכט... פון דרייסיק טויזנט אונדזערע אין „סטאַלאַג״ זענען צוואַנציק טויזנט אויסגעשטאָרבן פון הונגער און טיפוס. און וויפל האָבן זיי אויסגעשאָסן ! די קראַנקע, וואָס מען ברענגט מיר דאָ צו פירן, זענען הויט־און־ביינער. קיין שום מעדיקאַמענטן, און דער עיקר — זיי זענען הונגעריק. קומען די דייטשן צו גיין מיט זייער פראָ־פּאַגאַנדע : יידן...

איך זעץ איבער פאַר די פראַנצויזישע חברים די ווערטער פון סאָוויעטישן דאָקטאָר.

— ער איז גערעכט — גייט אַדורך אַ מורמל צווישן די פּאַר־זאַמלטע ביים פענצטערל.

פיאָדאָר מיכנאָס פּנים נעמט זיך צוריק אויסלייטערן און באַ־קומט זיין געוויינלעכע גוטמוטיקע צעשמייכלטקייט. די אויגן לייכטן ביי אים פריילעך אויף, ווי עס וואָלט אים אויפגעבליצט אין זכרון אַ זייער אָנגענעמע דערמאָנונג. ער שווייגט אַ ווײַלע און טוט זיך מיטאַמאָל צו אונדז אַ ווענד:

— איר האָט זיכער נישט געהערט פון אַ גרויסן יידישן שרייבער, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי אונדז אין אוקראַינע. אַ שאָד. אַ זייער גרויסער שרייבער. זיין נאָמען איז שלום עליכם... איך האָב געלייענט זיינע ווערק אויף אוקראַיניש און געזען זיינס אַ פּיעסע אין טעאַטער. טעוויע הייסט די פּיעסע. אַ שאָד, וואָס איר קענט נישט דעם דאָזיקן שרייבער. אַ געניאַלער הומאָריסט און דערביי אַזוי האַרציק, אַזוי מענטשלעך...

אָן אַלאַרם. די פראַנצויזן, וואָס שטייען אויף „שמירה״, גיבן אונדז צו וויסן, אַז עס קומט אָן דער לייטענאַנט פון דער קאָמפּאַ־ניע. גיך שיטן זיך אַלע אַריין אין די באַראַק־צימערן.

— מיין אַדרעס איז : קאָמענעצק־פּאָדאָלסק, ראָזאַ לוקסעמבורג גאַס 93. — באַווייזט מיר נאָך צו זאָגן פיאָדאָר מיכנאָ — אויב מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה, וועט מען זיך נאָך אפשר אַמאָל טרעפן...

„וואָס וואָלט פון אים געוואָרן ? — חזר איך איבער, אַן אויס־געצויגענער אויף מיין קראַנקן־בעטל, די רייד פון סאָוויעטישן געפאַנגענעם — אַן אַנאַלפאַבעט, אַ כוליגאַן, אַ פּאָגראָמשטשיק אפשר... און אָט וואָס פאַר אַ פּרעכטיקן מענטש דער ראַטנפאַר־באַנד האָט פון אים געמאַכט.״

אַ גרויסע פרייד פילט מיך אָן. אַ גרויסע פרייד און אַ גרע־

נעצלאָזע דאַנקבאַרקייט צו דער מלוכה, וואָס האָט אויפגעהאָדעוועט אַזאַ דור.

אין מיינע אויערן, ווו עס גרילצט נאָך דער נאַצישער געברום : יודע... יודע... גייט אויף אַ וווּנדערבאַר געזאַנג. דאָס געזאַנג פון ליבע צום מענטש, פון פריינטשאַפט צווישן פעלקער; דאָס געזאַנג פון די, וואָס זענען שטאַרק און אומבאַזיגבאַר, ווייל זייער זאַך איז אַ גערעכטע, ווייל זיי געהערט די צוקונפט.

דאָס האָט אַ סאָוויעטישער געפאַנגענער צו מיר דערטראָגן דעם גרוס פון באַפרייטע פעלקער, דעם אָנזאָג פון אונדזערע באַפרייער.

קאַפּיטל 2

די אונטערערדישע אָרגאניזאציע

דער אָנהייב 1945 איז פאַר די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע אין מזרח־פּרייסן געווען אַ באַזונדערס טרויעריקער : דער 5־טער ניי־יאָר אין דייטשער געפאַנגענשאַפט ! די שיקאַנעס פון די נאַציס האָבן זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדן טאָג. זינט חדשים שוין האָט מער נישט געהערשט אין לאַגער פון האָהענשטיין די „ווערמאַכט”. זי איז געווען פאַרטרעטן דורך די ס. ס. און „געשטאַפּאָ”, וואָס האָבן דעם שווערן לאַגער־רעזשים פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. יעדן טאָג רעוויזיעס אין די באַראַקן. אַ געיעג נאָך די „פאַרדעכטיקע עלעמענטן”. פאַרקלענערונג פון דער אַזוי־אָרעמער שפּייזנאָרמע. מען האָט געגישטערט צווישן די געפאַנגענע, כדי אויסצוגעפינען צי עס זענען נישט פאַראַן צווישן זיי קיין פאַרבאַהאַלטענע יידן. אייניקע דאָקטוירים, וועלכע זענען פונקט ווי פיל פון אונדז, פראַנצויזיש־יידישע סאָלדאַטן, געווען פאַרשריבן אַלס קאַטאָליקן, זענען פאַרשווונדן געוואָרן אין אַ פאַרטאָג. די „אַבווער” האָט אַנטדעקט, אַז זיי זענען יידן און זיי פאַרשיקט אין אַ שטראָף־לאַגער. די געשטאַפּאָ־לייט האָבן זיך באַרימט, אַז עס ווערט צוגעגרייט די „ליקווידאַציע” פון אַלע יידישע קריגס־געפאַנגענע.

גלייכצייטיק האָט מען געבראַכט יעדן טאָג אין לאַגער אַריין

אַלץ נייע פאַרטיעס קריגס־געפאַנגענע און זיי איבערגעשיקט אויף די פראָנט־ליניעס צו גראָבן טראַנשייען.

אויפן מזרח־פראָנט איז זינט אַ געוויסער צייט געווען שטיל. פון מערב זענען די ידיעות געווען ווייט נישט קיין געהויבענע. די וואַכלייט האָבן נישט אויפגעהערט צו טריאומפירן וועגן די דערפאָלגן פון דער אָפענסיווע פון פאָן רונדשטעט קעגן בעלגיע און עלזאַס:

— דער פירער גרייט צו די „ווע 3" און די „ווע 4" — האָבן זיי פאַר אונדז געריִמט די גרויסקייט פון היטלערן...

„ס'דויערט לאַנג!" — האָבן זיך פיל פראַנצויזן געקלאָגט, אַנט־מוטיקטע נאָך אַזויפיל יאָרן וואַרטן אויף דער באַפרייאונג.

— איר וועט זען, אַז מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן נאָך אַ נאָעל (ווייַנאַכטן)! — האָבן אַנדערע צוגעגעבן.

קיינער פון זיי האָט נישט געצווייפלט אין דער מפלה פון היטלעריזם. ס'איז אָבער אַלץ קלאָרער געוואָרן פאַר אַלעמען, אַז דאָרט, אויף מערב, איילט מען זיך נישט. מען האָט צייט . . .

אין אָט די טעג האָט באַזונדערס אינטענסיוו געאַרבעט די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין לאַגער. אָנהייב דעצעמבער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ געהיימע באַראַטונג פון דער אָנפירונג, צו וועלכער דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט דעם כבוד צו געהערן. צו אָט דער באַראַטונג זענען געקומען דעלעגאַטן פון די פאַרשידענע „קאָמפּאַניעס" איבער גאַנץ מזרח־פרייסן. דאָס איז זיי, פאַרשטייט זיך, אַנגעקומען נישט לייכט. מען האָט געדאַרפט האָבן די מיטהילף פון פראַנצויזישע דאָקטוירים, וואָס זאָלן רעקאָמענדירן דאָס איבערשיקן אייניקע אין לאַגער אַלס „שווער־קראַנקע", און פון די פאַרטרויאונגס־מענער, וואָס זאָלן, דורך פאַרשידענע איינפאַלן, דערגרייכן, מען זאָל געוויסע אַריבערפירן אויף אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער, צוליב וועלכע מען מוז זיך אָפּ־שטעלן אינעם הויפּט־לאַגער. אַ טייל ווידער זענען נאָר וואָס

אַרויס פון דער לאַגער־תפיסה, ווו זיי זענען אָפּגעקומען זייער שטראָף צוליבן אָפּזאָגן זיך צו אַרבעטן פאַר די דייטשן, אָדער צוליב „פּראָפּאַגאַנדע".

אויף אָט דער באַראַטונג האָבן מיר, אָפּשאַצנדיק די נאָענט־קייט פון אַ נייער אָפּענסיווע פון סאָוויעטישן מיליטער אין דער ריכטונג פון מזרח־פּרייסן, אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן, פון וועל־כע די וויכטיקסטע זיינען געווען:

1) פאַרשטאַרקן די אויפקלערונג צווישן די קריגס־געפאַנגענע, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן ביי די דייטשע פאָרטיפיקאַציעס. די וואָס וועלן געצווינגען ווערן עס צו טאָן, זאָלן אָרגאַניזירן סאַ־באָטאַזש־אַקטן;

2) אַנטקעגנשטעלן זיך אַלע פרווון אונדז צו עוואַקואירן;

3) באַשיצן די פראַנצויזישע געפאַנגענע, וואָס זענען „גע־שפּערט" (איינגעזעצט) פאַר פאַטריאָטישער טעטיקייט, און די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס זענען באַזונדערס באַדראָט פאַרניכטעט צו ווערן דורך די ס. ס. אין מאָמענט פונעם דערנענ־טערן זיך פון פראָנט;

4) פאַרזיכערן די פונקציאָנירונג פון געהיימען ראַדיאָ־דינסט. אינפאָרמירן צוויי מאָל אַ טאָג די חברים וועגן די לעצטע ידיעות פון מאָסקווע און לאָנדאָן;

5) פּאָפּולאַריזירן דעם געדאַנק פון אַ פריי־ווילי־קער דיוויזיע פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע פון מזרח־פּרייסן, וועלכע זאָלן תיכף נאָך אונדזער ווערן באַפרייט, זיך אָנשליסן אין דער סאָוויע־טישער אַרמיי, כדי אָנטיילצונעמען אינעם קריג קעגן די נאַציס.

מען דאַרף גלייך צוגעבן, אַז אויסער דעם לעצטן פונקט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט רעאַליזירבאַר — ווייל לויטן אָפּמאַך צווישן די אַלירטע האָבן די באַפרייטע קריגס־געפאַנגענע געדאַרפט גלייך צוריקגעשיקט ווערן אַהיים, — זענען די אַנדערע באַשלוסן אַדורכגעפירט געוואָרן.

דער גרעסטער טייל פראַנצויזן האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך אַרויסגעדרייט פון אַרבעטן ביי די מיליטערישע פאַרפעסטיקונגען. אייניקע געפאַנגענע זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר אָפּזאָגן זיך אויסצופירן די באַפעלן פון די דייטשן. געווען אָנצאָליקע פאַלן פון סאַבאָטאַזש, פון שטרייקן פאַר בעסערער דערנערונג און באַהאַנדלונג. יעדן טאָג פלעגט אונדזער אָרגאַניזאַציע העלפן אַנטלויפן גרופּעס אַרעסטירטע פאַטריאָטן. דעם גרעסטן רושם האָט געמאַכט דאָס דערמעגלעכן 11 סאָוויעטישע הויכע אָפיצערן צו פאַרלאָזן דעם לאַגער דורך אַן אונטערערדישן טונעל, געבויט בשותפות, אין שווערע באַדינגונגען און אין דער גרעסטער געהיימעניש, דורך סאָוויעטישע און פראַנצויזישע געפאַנגענע.

אונדזערס אַ חבר, ווען עס איז באַשטאַנען אין אויפרוימען די צימערן פון דייטשע אונטער־אָפיצירן, האָט אונדז יעדן אינדערפרי געבראַכט די לעצטע ראַדיאָ־נייעס. נישטיק איז געווען די צאָל פון פראַנצויזן, וואָס זענען מסכים געווען צו פאָרן „פרייוויליק” קיין פאָמערן, אָדער אין דער געגנט פון בערלין, כדי צו „אַרבעטן אויף גוטע באַדינגונגען”.

ק אַ פּ י ט ל 3

פּעטענס מיניסטער קומט „צו גאַסט"

— הער אויס זשאַק, — האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן סאַלטרעי, דער פאַרטרויאונגס־מאַן פון לאַגער — קום צו היינט פאַרנאַכט אין באַראַק נומער 12. עס וועט זיין אַ באַראַטונג פון אַלע פאַראַנט־וואָרטלעכע פון די אַרבעט־געביטן. נאָר גרייט זיך גוט צו: מיר וועלן האָבן צו טאָן מיט יענעם חברהמאַן — אַנדרעי מאַסאָן.

●

שוין עטלעכע טעג ווי אין הויפּט־לאַגער פון סטאַלאַג 1 ב, אין האָהענשטיין, האָט זיך געטומלט. די ידיעה, אַז אַנדרעי מאַסאָן, מיטגליד אין לאַוואַלס רעגירונג, געוועזענער גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר די קריגס־געפאַנגענע, איז צו אונדז געקומען מיט אַ שליחות פון פּעטען, איז הייס דיסקוטירט געוואָרן אין די באַראַקן.

— ווי אַזוי האָט דער דאָזיקער פאַרעטער געוואַגט זיך דאָ צו באַווייזן ? . . . וואָס פאַר אַן אומפאַרשעמטקייט ! וואָס פאַר אַ מנוול ! . . . אַ פאַרקויפטער ! . . .

שוין ביים אָנקומען אין אונדזער סטאַלאַג — געווען איז עס אין דעצעמבער 1944 — האָט מאַסאָנען דערוואַרט דער ערשטער ברוך הבא. דער פאַרטרויאונגס־מאַן האָט אים אויפגענומען זייער

קאַלט, אים צוגעפּירט צו דער דייטשער קאָמענדאַנטור, לאָזנדיק אים דאָרט שטיין מיט די ווערטער :

— איר פאַרשטייט דאָך אַליין, הער מאַסאָן, אַז פאַר אַזעלכע מענטשן ווי איר איז נישט פאַראַן קיין אָרט צווישן פראַנצויזן...

אַנדרעי מאַסאָן האָט אַראָפּגעשלונגען די דאָזיקע באַמערקונג און פאַרלאַנגט פון פאַרטרויאונגס־מאַן צונויפצורופן די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, פאַר וועלכע ער וואָלט וועלן האַלטן אַ רעפעראַט.

— ביי אונדז פאַרנעמט מען זיך נישט מיט קיין פּאָליטיק . . .

— האָט אים דער פאַרטרויאונגס־מאַן טרוקן אָפּגעענטפערט.

— דערלויבט מיר כאָטש צו רעדן מיט די פראַנצויזן אינדי־ווידועל. איך וואָלט עס געקענט דערליידיקן דירעקט דורך דער דייטשער מאַכט . . . איך וויל אָבער נישט, אַז מען זאָל מיך אויפנעמען אין לאַגער מיט אומצוטרוי. איך קום ווי אַ פריינט...

— מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ פריינט איר זענט אונדז . . . —

האָט סאָלטרע אים איבערגעשלאָגן די רייד — דאָס איינציקע, וואָס איך קען טאָן, איז צונויפרופן די פאַרטרעטער פון די באַזונדערע אַרבעט־געביטן אין לאַגער און טענהט זיך מיט זיי אויס . . .

דערביי האָט ער אים געשטעלט אַלס באַדינג, ער זאָל אויף דער באַראַטונג נישט זיין באַגלייט פון קיין דייטש.

●

און אָט זענען מיר, אַ מאַן צוואַנציק, פאַרזאַמלט, ווען די טיר עפנט זיך און עס שטעלט זיך אַריין אַ פאַרשוין פון אַ יאָר דריי־סיק, אַ הויכער, ברונעטער, מיט אַ פּאָר אומרואיק־אויסמיידנדיקע אויגן. דאָס איז אַנדרעי מאַסאָן, אַנגעטאָן ציוויל. נאָך אים שלייכט זיך נאָך, ווי אַ שאָטן, אַ צווייטער „פראַנצויז״, אויך אין ציוויל, אַ דיקלעכער, מיט אַ פּאָר שמאַלציקע, כיטרע אייגעלעך.

— באָנזשור, לע גאַר ! (גוטמאָרגן, חברה) — טוט מאַסאָן מיט אַ געקינצלטער גוט־ברודערישער היימישקייט אַ שפּאַן פאָרויס,

אויסשטרעקנדיק די האַנט דעם ערשטן פון אונדז, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער טיר.

דעם פאַרעטערס האַנט בלייבט אָבער הענגען אין דער לופטן...

— נ׳ענסיסטע פאַ (באַמיט זיך נישט) — ענטפערט אים יענער רואיק — פאַרקויפטע גיבן מיר נישט די האַנט . . .

מאַסאַן בלייבט אַ ווײַלע שטיין צעמישט. זיין פנים האָט די קאַליר פון פאַרמעט און זיין אויסגעשטרעקטע האַנט זוכט אומגעלומפערט אַ תיקון . . .

אַלע שווייגן.

דער בליק פון פעטענס שליח לויפט גיך איבער פון איין פנים צום צווייטן, ווי ער וואָלט וועלן געפינען אַ פאַרבינדעטן צווישן די, וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט. ער טרעפט אָבער אָן אויף צוואַנציק פאָר אויגן, וואָס שפּיזן אים דורך מיט פאַראַכטונג און שפּאָט.

זעענדיק, אַז ער האָט נישט פון אָט דעם שוער־אָנגעלאָדענעם שטילשווייגן צו דערוואַרטן, נישט קיין גוטמאָרגן, נישט קיין איינלאַדונג זיך אַוועקצוזעצן, גיט מאַסאַן אַ ווונק צו זיין שומר, ער זאָל אים דערלאַנגען אַ בענקל, אויף וועלכן ער לאָזט זיך שווער אַראָפּ. ער הוסט אָפּ און נעמט רעדן מיט אַ זיסלעך־חניפהדיקער שטימע:

— נו יאָ... כ׳וויל זיך נישט אָפּשטעלן וועגן אופן, ווי מען האָט מיך דאָ אויפגענומען. איך האָב עס נישט פאַרדינט... נאָר איך פאַרשטיי אייך... דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער פאַרביטערונג, וואָס איז נאַטירלעך נאָך אַזויפיל יאָרן געפאַנגענשאַפט... ווער קען אייך אַזוי מיטפילן, ווי איך, אַליין אַ קריגס־געפאַנגענער ?...

דאָס צביעותדיקע רחמנות־שמייכעלע אויפן פאַרעטערס מויל־ווינקלען לעשט זיך אָבער גלייך אויס: פון צוואַנציק העלדזער שפּאַרט אַרויס אַ שטיל געלעכטער, פול מיט חוזק און שנאה.

און ווידער הערשט אין צימער אַ שווער, דראָענדיק שווייגן, וועלכן מאַסאָן רייסט אויפסניי איבער, אָנעמענדיק דאָסמאָל אַן ערנסט־פּאַרטרווילעכן טאָן:

— איך קום צו אייך, מיינע פריינט, אין אַ זייער, זייער וויכ־טיקער שליחות. דער מאַרשאַל — רעדט ער אַרויס דעם טיטל פון פּעטען מיט אַן אַקטיאָריש־אויסגעצויגענער פייערלעכקייט — דער מאַרשאַל, וואָס געפינט זיך איצט אין דער קליינער דייטשער שטאָט זיגמאַרינגען, האָט מיך געשיקט צו אייך, געפאַנגענע, וועמען ער האָט ליב ווי אייגענע קינדער...

אַ פאַרשטיקט לאַכן אין אַ ווינקל פון צימער.

מאַסאָן זעצט פאָר:

— דער מאַרשאַל האָט מיך צו אייך געשיקט מיט אַ גרויסער מיסיע... אָבער איידער איך גיי רעדן וועגן אָט דער מיסיע, בעט איך אייך, איר זאָלט נישט פאַרגעסן, אַז דאָס האָט דער מאַרשאַל גופא מיר אָנפאַרטרויט די אָנפירערשאַפט מיט דער באַוועגונג פון די קריגס־געפאַנגענע. איך בעט אייך דעריבער אויסצופירן דעם ווילן פון מאַרשאַל. איך וועל זיך אויך, פאַרשטייט זיך, רעכענען מיט אייער מיינונג און צי איר האָט צו מיר דעם פולן צוטרוי. איך בין גרייט צו ענטפערן אויף אייערע פראַגן.

— טאָ זאָגט אונדז טאָקע פאַרוואָס איר זייט אַנטלאָפן פון פראַנקרייך? — הערט זיך די זינגעוודיקע שטימע פון אַנדרעי, דעם מאַרסעילער.

— מיינט נישט — ענטפערט מאַסאָן אין אַ באַליידיקטן טאָן — אַז איך האָב עס געטאָן צוליב פּחדנות... איך וואָלט געקענט זיך באַהאַלטן אין דער שווייץ. איך האָב אָבער נישט געוואָלט איבער־לאָזן אונדזער טייערן שעף, דעם מאַרשאַל...

— פון וואַנען נעמט זיך — רופט זיך אָן אַן אַרבעטער פון פּאַריז — וואָס איר קענט פראַנק און פריי אַרומפאָרן איבער דייטשלאַנד, אין דער צייט, וואָס אפילו די דייטשע באַפעלקערונג

האָט נישט קיין רעכט צו נעמען דעם צוג, און וואָס אַ פראַנצוי־זישער געפאַנגענער קען זיך נישט אַרויסרירן אָן באַגלייט פון אַ וואַכמאַן ?

— איר זייט מיך אַלזאָ חושד, אַז איך בין אַן אַגענט פון דער דייטשער רעגירונג ?

— נישט בלויז וואָס מיר זענען אייך חושד, נאָר מיר זענען אויך זיכער אין דעם !... — שרייט אויס מיט זיין שאַרפן צפון־אַקצענט ראָבערט, דער ברוקירער־אַרבעטער פון לעבן אַראַס.

פעטענס מיניסטער ענטפערט נישט. בלויז זיינע פינגער באַ־וועגן זיך נערוועז.

— און פון וואַנען נעמט איר געלט אויסצוהאַלטן אייער „רע־גירונג" אין זיגמאַרינגען ? — פאַלט אַ פרישע פראַגע.

— די דייטשע רעגירונג איז שולדיק פראַנקרייך 64 מיליאַרד פראַנק פאַר סחורות, וואָס אונדזער רעגירונג האָט געשיקט קיין דייטש־לאַנד, באַקומען מיר סובסידיעס פון אַט דעם געלט...

— נאָך 64 מיליאַרד, געראַבעוועטע ביי אונדזער פאָלק !...

— ווי קענט איר אַזעלכעס זאָגן ? ! — טוט זיך שוין דער מיניסטער־קאָלאַבאָראַטאָר אַ הייב פון פלאַץ — אַזוי רעדן וועגן מאַרשאַל ?... וועגן העלד פון ווערדען ? !...

ער זעט זיך אָבער גלייך אַרום, אַז זיין שרייען האָט נישט די מינדסטע ווירקונג. ער אָבסערווירט פון הינטער די אויגן־וויעס דעם עולם און ענדערט גלייך דעם טאָן אויף אַ לאַקריץ־זיסלעכן :

— גלייבט מיר, מיינע טייערע. אַז איך טו נישט קיין שום זאַך אָן דער הסכמה פון מאַרשאַל פעטען. און דער מאַרשאַל האָט מיך אַריינגערופן צו זיך און געזאָגט, אַז אַזוי ווי מיר האָבן איצט נישט די מעגלעכקייט אויסצואיבן אַ דירעקטן איינפלוס אויף דער באַפעלקערונג פון פראַנקרייך, דאַרף מען פירן אַ ברייטע פראַ־פאַגאַנדע צווישן די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע און פראַנ־צויזישע אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אין דייטשלאַנד...

— כדי זיי צו רופן צו אַנגאַזשירן זיך אין די וואַפען־ס. ס. ?

— רייסן מיר אים איבער.

— וואָס רעדט איר ?... — איז מאַסאַן כלומרשט אויסער זיך. — איר זייט ליידער פאַרשלאָסן, מיינע טייערע, זעט איר נישט, וואָס אַרום אייך קומט פאָר. דערלויבט מיר אייך אויפצוקלערן...

ער כאַפּט אָפּ דעם אָטעם, באַטראַכט אונדז אַ ווײַלע פון אַ זייט און נעמט רעדן מיט אַ שטיל, פאַרטרוילעך קול, ווי ער וואָלט אונדז געגאַנגען אויסזאָגן אַ גרויסן סוד :

— איר פאַרשטייט... פאַראַן ביי אונדז, אין זיגמאַרינגען, צוויי שטעלונגען. איין טייל האַלט, אַז דער מאַרשאַל דאַרף רעדן פאַר דער עפנטלעכקייט און אַרויסווייזן אַ טעטיקייט. די אַנדערע זענען אין דער מיינונג, אַז ער דאַרף דערווייל נאָך בלייבן אין שאָטן און אָפּוואַרטן זיין מאָמענט. איך קען אייך בלויז פאַרזיכערן, אַז ער וועט אינגיכן נעמען רעגירן... עס ווענדעט זיך בלויז אין אייך, ער זאָל וואָס שנעלער איבעררייסן זיין שטילקייט און דער־פילן זיין גרויסע ראָל...

— אָבער וואָס פאַר אַ ראָל האָט דאָס פּעטען צו שפּילן איצט, ווען כמעט גאַנץ פראַנקרייך איז באַפרייט ?...

— מיינע פריינט, איר גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג... — קוקט דער פאַרעטער אויף אונדז מיט אַ געמאַכטן באַדויער — דער מאַרשאַל האָט נאָך צו שפּילן אַ גרויסע, זייער גרויסע ראָל. איר פאַרשטייט ? עס פירן זיך איצט אונטערהאַנדלונגען צווישן פאַר־טרעטער פון פאַרשידענע גרויסמאַכטן וועגן שאַפן אַ ברייטן איינ־הייטלעכן בלאָק קעגן דער גרעסטער געפאַר פאַר אייראָפּע : קעגן קאָמוניזם. אין דעם דאָזיקן בלאָק וועט פראַנקרייך דאַרפן גיין צוזאַמען מיט דייטשלאַנד, מיט ענגלאַנד און מיט אַנדערע אייראָ־פּעאישע מלוכות. און אפילו אויב דייטשלאַנד זאָל פאַרשפּילן דעם קריג, וועלן מיר זיך מוזן אַנגאַזשירן אין אַ נייער מלחמה קעגן באָלשעוויזם. מיר וועלן דעריבער דאַרפן האָבן אַ פאָן, אַ פּערזענ־

לעבקייט, וואָס זאָל פאַרייניקן אַלעמען אַרום זיך, סיי דאַריאָ, סיי דע גאָל, סיי אַלע אַנדערע, אינעם קאַמף קעגן באָלשעוויזם. אָט די פאָן וועט זיין דער מאַרשאַל...

די דאָזיקע רייד ברענגען אַרויס פון געדולד אפילו די סאַמע רואיקסטע צווישן אונדז; אפילו די, וואָס האָבן נאָך געהאַט אי־לוזיעס וועגן די כוונות פון פעטען. אַשיל, אַ פרומער קאַטאָליק, אַ פויער פון נאָרמאַנדיע, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט גאָרנישט אָנגערופן, שפרינגט אויף, ווי ער וואָלט באַקומען אַ ביס פון אַ שלאַנג:

— הייסט עס, אַז עס איז נאָך ווייניק בלוט פאַרגאָסן געוואָרן? הייסט עס, אַז איר ווילט אַרויסרופן אַ פריש בלוטבאָד אין פראַנק־רייך? און אַלץ מיטן זעלבן לידל — קאַמף קעגן קאָמוניזם?...

— איך זאָג אייך בלויז, וואָס דער מאַרשאַל און מיר טראַכטן, — פרוווט פעטענס שליח איינשטילן די געמיטער — וואַרט נאָך צו אַביסל און איר וועט זען, וואָס עס וועט געשען. איר וועט זיך דערמאָנען, אַז איך בין געווען גערעכט... מיר דאַרפן פאַרייניקן אייראָפּע צום קאַמף קעגן די באַרבאַרן...

— יאָ, מיר קענען גוט די באַרבאַרן און ווייסן, ווו עס געפינען זיך די פאַרעטער... — רופט איינער פון אונדז איראָניש אויס ביי אַ סאַרקאַסטיש געלעכטער פון די אַנדערע.

— נישטאָ מיט אייך וואָס צו מאַכן... איר זייט אַלע פאַרסמט...

— גיט זיך מאַסאָן אַ ריס פון בענקל. זיין באַגלייטער, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אָנגערופן זיך מיט קיין וואָרט, רוימט אים עפּעס איין אין אויער.

— נו, יאָ, מירן גיין — טוט פעטענס מיניסטער אַ זאָג מיט אַ הייזעריק קול.

— ניין, וואַרט נאָך צו אַ ווײַלע, — רײַסט אים זייער העפלעך איבער דער הויכער פערנאַן, אַ לערער פון אַ שטעטל ביי נאַנסי.

— מיר מיינען, אַז איר, הער מאַסאָן, זייט צו באַשיידן און האָט

אונדז נישט איבערגעגעבן געגוג פּרטים וועגן אייערע גרויסע פאַר־דינסטן פאַר פראַנקרייך און ספּעציעל פאַר אונדז, קריגס־געפאַנ־גענע... איר וועט מיר דעריבער דערלויבן עס צו טאָן פאַר אייך.

און פערנאַן שילדערט אונדז די פיגור פון אַ קאַריעריסט, וואָס איז פאַרן קריג געווען פאַרבונדן מיט דאַריאַ און די קאַגולאַרן, און וואָס האָט שפּעטער, געפינענדיק זיך אַלס געפאַנגענער אין סטאַלאַג 6, זיך „אויסגעצייכנט" פון ערשטן טאָג אָן מיט זיין פאַ־שיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט אָרגאַניזירן קרייזן פון דער „בייער אייראָפּע" און אַרויסגעבן דאָרט אַ היטלערישע צייטונג אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. אַלס באַלוינונג פאַר זיין טרייען דינען די באַציס און ווישי, איז מאַסאָן באַפרייט געוואָרן דורך די דייטשן, אויף דער פּערזענלעכער אינטערווענץ פון לאַוואַלן. צוריקקומענ־דיק קיין פראַנקרייך, ווערט ער גלייך באַשטימט אַלס גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר די קריגס־געפאַנגענע. דעם דאָזיקן אַמט האָט ער פאַרוואַנדלט אין אַ ביוראָ פאַר רעקרוטירן „פרייוויליקע" צו פאָרן אַרבעטן קיין דייטשלאַנד און פאַר פאַרשטאַרקן די היטלערישע אַגיטאַציע צווישן די קריגס־געפאַנגענע.

— נישט ריכטיק! — נעמט זיך מאַסאָן קאָכן — איך פאַרוועד אייך אַזוי צו רעדן וועגן אַ מיניסטער פון מאַרשאַל...

— רעגט זיך נישט אויף, הער מאַסאָן. — ענטפערט אים פערנאַן רואיק אָפּ — איך גלייב, אַז דאַסמאָל וועט איר נישט וואַגן צו גיין אונדז מסרן פאַר די דייטשן... איר פילט, אַז אייער סוף איז באַענט און איר וועט דאַרפן באַצאָלן פאַר דעם אַלעמען, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן... און וואָס שייך דער ריכטיקייט פון מיינע אינ־פאָרמאַציעס, קען איך אייך בלויז מיטטיילן, אַז איך בין אַ צייט געווען אין סטאַלאַג 6... איך זאָג אייך אָפן אין פּנים, אַז איר זייט אַ פאַררעטער און אַ פּחדן!

דער ווישי־מיניסטער נעמט קוקן אַלץ אומרואיקער צו דער טיר. זיין פּנים איז באַדעקט מיט שווייס און די אויגן זיינע האָבן אַ

בליק פון אַ חיה בעתן פאַנגען זי. ער פרוווט נאָך עפּעס רעדן, נאָר דער פאַרטרויאונגס־מאַן שטעלט אים אָפּ מיט אַן אומגעדולדיקן באַוועג מיט דער האַנט:

— ניין, הער מאַסאָן, עס איז באמת געווען איבעריק פאַר אייך אויסצונוצן די גאַסטפריינטלעכקייט פון דער דייטשער רעגירונג, וואָס האָט געשטעלט צו אייער דיספּאָזיציע די איר אַזוי־בייטיקע טראַנספּאָרט־מיטלען... איר האָט נישט געדאַרפט זיך מטריח זיין און אַדורכמאַכן אַזאַ שווערע רייזע פון אַזויפיל הונדערטער קילאָ־מעטער, כדי צו קומען זיך דערוויסן, וואָס די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע טראַכטן וועגן אייך... איר האָט אַליין גע־דאַרפט פאַרשטיין, אַז מיר קענען מיט אייך קיין שום געמיינ־זאַמעס נישט האָבן און אַז מיר ווילן אייך נישט קענען...

מאַסאָן געפינט ערשט צוריק זיין געוויינלעכע חוצפה, בעת ער איז שוין ביי דער טיר, וועלכע זיין שומר האָט הכנעהדיק געעפנט. אַ גיפטיק שמייכעלע באַווייזט זיך אויפן פאַרעטערס ליפּן:

— איר וועט נאָך חרטה האָבן אויף אייערע ווערטער — שיפּעט ער אַרויס — איך באַדויער אייך און זאָג אייך דאָך: אויף ווידערזען...

— מען זאָל דיך אינגיכן זען אויף דער תליה! — יאָגט אים נאָך אונדזער ענטפער. 1)

1) אַנדרעי מאַסאָן, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן נאָך דער באַפרייאונג צום טויט (הינטער די אויגן) זאָל זיך געפינען אין מערב־דייטשלאַנד, ווו ער וואַרט אָפּ די געלעגנהייט צוריקצוקומען קיין פראַנקרייך אַ „ריינגע־וואַשענער", ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט אַזויפיל אַנדערע פאַרעטער.

קאפיטל 4

די באַפרייאונג

אָנגעהויבן האָט זיך עס פּלוצלונג. אינמיטן דער נאַכט האָבן אונדז אויפגעוועקט טויבע אָפּהילכן פון קאַנאָנען־שאָסן. מיר זענען אַרויס פון די באַראַקן. ווייט, גאָר ווייט, האָבן זיך באַמערקט גאַנץ קליינע ליכטלעך, אָן אָפּשיין פונעם פראָנט־פייער.

אינדערפרי איז שוין געווען קלאָר: די אָפענסיווע ביי וואַרשע דויערט זיבנט אַ פּאָר טעג. די סאָוויעטישע אַרמיי דערנעענטערט זיך צו דער פּויליש־מזרח פּרייסישער גרענעץ. די דייטשן אין לאַגער לויפן אַרום צעטומלטע, פאַרלוירענע, סודען זיך. די וואַך אַרום האָהענשטיין ווערט פאַרשטאַרקט. מען נעמט אין בהלה אַרויספירן די אַרכיוון, די עדות פון טויזנטער פאַרברעכנס.

וואָס פאַרזאָרגטער און אויסגעצויגענער עס זענען די פּנימער פון די נאַציס, אַלץ מונטערער, אַלץ פרייילעכער זענען די קריגס־געפאַנגענע.

מיטאַמאָל אַן אַלאַרם: עס קומען אָן אַוויאָנען. די דייטשן לויפן אַראָפּ אין די שוץ־גראָבנס. זיי שרייען צו אונדז, זיך צו באַהאַלטן. קיינער טראַכט אָבער נישט דאָס צו טאָן. מיר ווייסן, אַז דאָס זענען אייגענע. איבערן לאַגער פון האָהענשטיין באַווייזט זיך אַ גרופּע סאָוויעטישע אַוויאָנען. מיר באַגריסן זיי. די סאָוויע־

טישע קריגס־געפאַנגענע וואַרפן אין דער לופטן זייערע היטלען. די אַוויאָנען לאָזן זיך אַראָפּ זייער נידעריק, בייגן אַראָפּ די פליג־לען. זיי ענטפערן אויף אונדזערע באַגריסונגען.

זיי האָבן אונדז דערקענט.

די אַוויאָנען פליען ווייטער. די ס.ס.־לייט שפּרינגען אַרויס פון די גריבער און נעמען זיך יאָגן נאָך די רוסישע געפאַנגענע, זיך נוקם זייענדיק אין זיי מיט קלעפּ, סיי פאַר די סאָוויעטישע אַוויאָנען, סיי פאַר דער מאַניפעסטאַציע.

אונדז, פראַנצויזן, טרייבן זיי אַריין אין די באַראַקן:

— איר וועט 3 טעג נישט קענען אַרויס פון דאַנען! — דראָען זיי אונדז.

די געשרייען פון די היטלעריסטן, זייערע דראָאונגען און קלעפּ זענען אָבער נישט בכוח צו פאַרטונקלען אונדזער פרייד.

אַ גאַנצן טאָג רויִשט אין די באַראַקן ווי אין אַ בינשטאָק. מען זינגט, מען טאַנצט. דער פראַנצויזישער שאַרפזין קומט צום אויס־דרוק אויף הונדערטער אופנים, דורך אימפּראָוויזירטע ווערטלעך, פּאַראָדיעס און וויצן אויפן חשבון פון אונדזערע „היטער", ווע־מענס סוף עס איז שוין אַזוי נאָענט.

וואָס פאַר אַ פריידיקער טאָג: אונדזערע באַפרייער דער־נעענטערן זיך!

צומאָרגנס נעמען אָנקומען די ערשטע פאַרטיעס עוואַקואירטע. אויפן וועג לעבן לאַגער ציען זיך אָנצאָליקע לאַסט־אויטאָס און פּויערישע וועגענער. די דייטשן אַנטלויפן אין גרויס מהומה. עס לויפן צוזאַמען מיט זיי, אין נאָך גרעסערער שרעק, אוקראַאינישע פאַשיסטן, וולאַסאָוועצעס.

דער לאַגער איז פול מיט נייע טויזנטער געפאַנגענע, געקומענע פון די גרענעץ־קאָמאַנדאָס. זיי דערציילן מיט צעפינקלטע אויגן וועגן שנעלן סאָוויעטישן פאָרויסמאַרש. עס ווערט פאַר אונדז קלאָר, אַז מיר וועלן שוין דאָ לאַנג נישט בלייבן. אַ טאָג שפּעטער

הייבט זיך טאַקע אָן די עוואַקואַציע פון האָהענשטיין־לאַגער. צומערסטן געפאַנגענע זענען אָן שיך, מיט צעריסענע מאַנטלען. זיי וועלן דאַרפן דורכמאַכן אַ לאַנגן וועג, ביי די פּרעסט און שנייען פון מזרח־פּרייסישן ווינטער, אין האָלץ־שיך אָדער לאַפּטשעס און האַלב־נאַקעט.

עס ראַיעט אין לאַגער מיט דייטשן פון כל המינים: ס.ס., געשטאַפּאָ־לייט און סאָלדאַטן פון דער „ווערמאַכט״, אין אויס־געריבענע מונדירן, שמוציקע, מיט ווילד־באַוואַקסענע פּנימער, וואָס דריקן אויס פּחד און אונטערטעניקייט. דאָס קומען זיי פון די פראָנט־ליניעס אין אַ מעמד, וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַר דעם „שטאָלץ״ פון דער „העכערער ראַסע״...

די דייטשן באַלאַגערן דעם פראַנצויזישן „באַקליידונג־מאַגאַזין״, ראַבירן די נייע שיך, וועש און קליידונג, וואָס געפינען זיך דאָרט זינט יאָרן און זענען קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן, ווערנדיק געהאַלטן צום „וויזן״, אין פאַל ווען עס וועט אַראָפּקומען אַ קאָ־מיסיע פון זשענעווע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ... די געפאַנגענע פלעגט מען דאַקעגן אַרויסגעבן אַלטע שמאַטעס און האָלץ־טרעפעס.

מיר, אַ גרופּע פראַנצויזישע געפאַנגענע, וואָס אַרבעטן אין דאָזיקן מאַגאַזין, נוצן אויס דעם טומל און וואַרפן אַרויס דורך די פענצטערלעך פון מאַגאַזין — שיך, העמדער, הויזן און מאַנטלען פאַר די דרויסן־שטייענדיקע פראַנצויזישע און סאָוויעטישע חברים.

ענדלעך הייבט זיך אָן דאָס פאַרלאָזן דעם לאַגער. נאַציס מיט רעוואָלווערן אין די הענט טרייבן צונויף די געפאַנגענע. עס ווערט פאַר אונדז קלאָר, אַז עס איז אוממעגלעך אין לאַגער גופא זיך אַנטקעגנצושטעלן דער עוואַקואַציע, מיט וועלכער ס׳איז נישט אויסזיכט אויף דערפאָלג. מיר באַשליסן עס צו טאָן אויפן וועג.

דער לאַגער־טויער פאַרמאַכט זיך הינטער אונדז. מיר געפינען

זיך אויפן הויפט־שאָסיי, באַוואַכטע דורך די דייטשע סאָלדאַטן און ס.ס.־לייט. דער שאָסיי איז איבערגעפּראָפּט פון מיליטערישע אויטאָס און פויערישע וועגענער. מען באַוועגט זיך זייער לאַנגזאַם.

דערווייל באַווייזן זיך אויפן הימל עטלעכע צענדליק סאָוויעטישע אַוויאָנען. עס דערהערט זיך אַ געוואַלטיקער אויפרייס. דאָס האָט אַ באָמבע געטראָפן אינעם דייטשן אָפיצירן־הויז אין דער שטאָט האָהענשטיין, נישט ווייט פונעם הינדענבורג־דענקמאָל ביי טאַנענבערג.

מיר נוצן אויס די בהלה צווישן אונדזערע „באַוואַכער", כדי צו דערמעגלעכן די „פאַרדעכטיקע", וואָס ווערן געפירט באַזונדער און זענען צום שטרענגסטן געהיטן — די „געשפּערטע" — צו אַנטלויפן אין די אַרומיקע וועלדער, אָדער, צומווייניקסטנס, זיך אויסצומישן מיט די אַנדערע. פיל סאָוויעטישע געפאַנגענע פאַרשווינדן אויך ביי דער געלעגנהייט. דער עולם הייבט אָן ווערן שיטערער.

אַזוי מאַרשירן מיר אַ גאַנצן טאָג, אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג. מיר דערנעענטערן זיך צו דער שטאָט מאָרונגען, אין דער ריכטונג צו עלבינג און קעניגסבערג.

די וועגן ווערן אַלץ מער פאַרשטאָפּט מיט ריזיקע מאַסן דייטשן, וואָס שטויסן זיך אין דער גרעסטער אומאָרדענונג. צום שפּלדיקסטן זעען אויס די ווערמאַכט־סאָלדאַטן, וואָס קומען אָן פון מזרח. זייערע מונדירן זענען צעקנייטשט, קויטיק, צעריסן. זיי שלעפּן קוים די פיס. און די אויגן זייערע זענען ווילד־אויפגעריסן, אָנגעפילטע מיט אימה. שיין זעט זי אויס, די גאוותדיקע היטלער־אַרמיי !...

„די סאָוויעטן קומען" — די דאָזיקע ווערטער טראָגן זיך איבער מיט דער גיכקייט פון אַ לאַווע, אָנוואַרפנדיק אַ גרויליקע שרעק אויף די אַלע, וואָס הייבן אָן צו באַנעמען, אַז די שעה פון באַצאָלונג פאַר זייערע פאַרברעכנס האָט געשלאָגן; אַז די מעכטיקע

שטראָפנדיקע האַנט איז אויסגעשטרעקט צו זיי און זיי וועלן באַלד דאַרפן אָנהייבן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פאַר די פאַרפייניקטע קינ־דער, פאַר די פאַרמוטשעטע פרויען, פאַר די מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, וועלכע זיי האָבן אין משך פון יאָרן געגאַזט און גע־ברענט.

„די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך" — די דאָזיקע ווערטער פילן אָן מיט שטייגנדיקער וואַרעמקייט די הערצער פון די גע־פאַנגענע. — די שעה פון דערלייזונג קומט אָן, נאָך אַזויפיל יאָרן פון פּיין, דערנידערונג און פאַרשקלאַפטקייט.

„וואָס גיכער צו דער ווייסל!"... — חזרן איבער אומאויפהער־לעך צו זיך אין דער שטיל און צו זייערע שותפים אויפן הויכן קול די אַלע אָפיצירן, די געשטאַפּאָ־לייט, די פּריצים, די נאַצי־טוער. „וואָס שנעלער צו דער ווייסל", כדי זיך אַריבערצוכאַפּן אויף יע־נער זייט, קיין פּאָמערן, און פון דאָרט — נאָך ווייטער צו מערב... „וואָס שנעלער צו מערב"... בעסער אַריינפאַלן צו די אַמעריקאַ־נער און ענגלענדער, ווייל שוין דעמאָלט זענען אָט די באַנדיטן געווען אַדורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער „מערב־ציוויליזאַציע", פילנדיק, אַז אין יענער זייט וועט מען זיין פיל מילדער צו זייערע פאַרברעכנס...

„וואָס פאַמעלעכער זיך רוקן פאָרויס, אָפּשטיין אויפן וועג, נישט לאָזן זיך אַריבערפירן איבער דער ווייסל... בלייבן דאָ נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי — און מיר זענען געראַטעוועט, מיר זענען פריי !..." — גיבן זיך איבער פון אויער צו אויער די טויזנטער שקלאַפן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס די ס.ס. און „געשטאַפּאָ" טרייבן פאָרויס.

•

— די גאַנצע קאָמפּאַניע פון פּרייסיש־האָלאַנד איז היינט איינ־דערפרי עוואַקוירט געוואָרן — דערציילט אונדז איינער פון אַ

גרופּע געפאַנגענע, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין אונדזער קאָלאָנע.

פרייסיש־האָלאַנד, אַ שטעטל צווישן מאַרונגען און עלבינג, איז מיר געווען גוט באַקאַנט, ווייל דאָרט האָב איך „פאַרבראַכט" קנאַפּע 2 יאָר. בעת דער גאַנצער צייט פון דער עוואַקואַציע איז מיין פּלאַן געווען צו דערגיין צום דאָזיקן שטעטל, ווו עס האָט זיך געפונען אַלס קריגס־געפאַנגענער י. מאַניקאָווסקי, דער באַקאַנטער יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער פון פּאַריז, וועלכער האָט (אַלס „קאַטאָליק" ווי פיל פון אונדז) געפירט אין דער געגנט אַן אינ־טענסיווע ווידערשטאַנד־אַרבעט, זייענדיק זייער פּאָפּולער צווישן די טויזנטער קריגס־געפאַנגענע פון דער אומגעגנט.

ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר וועלן שוין אונדזערע חברים פון פרייסיש־האָלאַנד נישט טרעפן. מען האָט אויך געקאַנט פאַרזען, אַז אין אַ טאָג־צוויי אַרום וועט אונדזער קאָלאָנע דערגרייכן די ווייסל און מען וועט אונדז אַריבערפירן קיין פּאָמערן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן איבערצולאָזן ביי דער ערשטער געלעגנהייט אונדזערע שומרים. דאָס איז אָבער געווען נישט לייכט, ווייל די ס.ס.־לייט האָבן פאַרשטאַרקט די וואַך און געדראָט מיט דערשיסן אויפן אָרט יעדן איינעם, וועמען זיי וועלן געפינען אין דער „עוואַ־קואירטער זאָנע". נישט געקוקט דערויף, זענען טויזנטער פראַנ־צויזן, רוסן און פּאָלאַקן אַנטרונען געוואָרן אויפן וועג.

דערווייל איז דורכגעפאָרן אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ מיט דייטשע אָפיצירן פון הויפּט־לאַגער. אויפן אויטאָ זענען געלעגן וואַליזעס און זעק מיט אָנגערויבטע זאַכן. עס האָבן זיך אויך געפונען אויפן אויטאָ אייניקע פראַנצויזן — די שאָפערן פון לאַגער.

ווען דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, האָבן מיר אָפּגעשטימט מיט די פראַנצויזישע שאָפערן, אַז זיי זאָלן אַלץ טאָן, דער אויטאָ זאָל נישט קענען ווייטער פאָרן. אַ פּערטל

שעה שפּעטער איז טאַקע געשען מיטן אויטאָ אַ „פּאַרפּאַל". דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן. די מאַשין איז געבליבן שטיין.

די דייטשע אָפיצירן זענען געווען אויסער זיך פאַר אויפרעגונג. זיי האָבן געשריגן און געשאָלטן. דאָס איילעניש איז ביי זיי געווען זייער גרויס... עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די אָפיצירן האָבן באַפוילן די פראַנצויזן „צוצוואַרטן" ביז מען וועט זיי שיקן הילף, און אַליין זענען זיי אַרויף אויף אַ צווייטן אַדורכפאָרנדיקן אויטאָ און גיך פאַרשוואונדן געוואָרן.

אין דער סומאַטאָכע זענען מיר דערווייל געבליבן הינטערשטע־ליק פונעם עוואַקואַציע־צוג. מיר האָבן בלויז דערויף געוואַרט. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר שוין פאַרנומען אַ פויערישע הייזקע ביים ראַנד פון וועג, אַ 5 קילאָמעטער אויף צפון פון מאַרונגען. מיר האָבן אויך באַוויזן מיטצונעמען פון אויטאָ אַראָפּ אַ גאַנצן זאַק מיט פראַנצויזישע סיגאַרעטן (נישט קיין ערזאַץ, נאָר די אמתע בלאָע „גאָלואַז" פון פאַרן קריג, וואָס מיר האָבן שוין קנאַפּע 5 יאָר נישט גערייכערט) און טאַבאַק. מיר האָבן דערנאָך פאַר־טיילט די סיגאַרעטן און דעם טאַבאַק צווישן הונדערטער געפאַנגענע.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. מיר אָרדענען זיך איין אין דער הייזקע און אָבסערווירן די שלאַכט אַרום. די שיסעריי ווערט אַלץ העפטיקער. די הייזקע וואַקלט זיך אויף איר פונדאַמענט, ווי אַ שיכור אויף זיינע פיס. ביימער אַרום שטייען אין פלאַמען. אין דער גרעסטער צעטומלונג לויפן דייטשע סאָלדאַטן, אַוועקוואַרפנדיק דאָס געווער אויפן וועג.

מיטאַמאָל ווערט שטיל. בלויז אין וואַלד הילכן פון צייט צו צייט אָפּ שאָסן. און אָט הערט זיך דאָס מעכטיקע גערויש פון שווערע טאַנקן אויפן שאָסיי.

מיר עפענען די טיר, גייען אַרויס אויפן הויף. עס טויכן אויף אַנטקעגן אונדז צוויי סילועטן — צוויי יונגע רוסישע טאַנקיסטן, מיט מאַשין־געווער אין האַנט.

— פראַנצוזסקי ! — רופן אויס אייניקע חברה מיטאַמאָל.

— אַהאַ, פראַנצוזי ? — באַטראַכטן אונדז די טאַנקיסטן נעענ־טער — זדראַסטוואויטיע...

מען דריקט זיך די הענט. מען פאַלט די סאָוויעטישע אַרמייער אויף די העלדזער. ביי אייניקע פינקלען טרערן אין די אויגן.

— און דייטשן זענען דאָ פאַראַן דערנעבן ? — פרעגט איינער פון די טאַנקיסטן.

מיר דערקלערן, אַז די דייטשן זענען אַנטלאָפן.

— ניטשעוואָ, מירן זיי אָניאָגן — צעלאַכן זיך האַרציק די טאַנקיסטן. זיי בעטן וואַסער און איילן זיך צוריק צו זייערע טאַנקען..

— די מאַשינען וואַרטן... נ אַ ב ע ר ל י ן — שרייען זיי פריילעך צו אונדז.

זי האָט געדויערט בלויז סעקונדעס, אָט די ערשטע באַגעגעניש. עס האָט אויסגעזען ווי אַ חלום.

●

קוים דערוואַרט זיך אויפן פרימאָרגן, זענען מיר אַרויס אין דרויסן. גרופעס פראַנצויזן זענען געשטאַנען און אויף שטום־לשון זיך אויסגעשמועסט פריינטלעך מיט רויט־אַרמייער. אַ יונגער סאָוויעטישער קאַפּיטאַן האָט גערעדט מיט עטלעכע אויף אַ דייטש, וואָס איז מאָדנע געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט העברעאישע ווערטער...

— פון וואַנען קענט איר דייטש ? — פרעג איך אים.

— קיין דייטש קען איך טאַקע נישט גוט. איך קען אָבער יידיש. כ׳בין פון קיעוו. כ׳בין אַ ייד...

עטוואָס שפּעטער זענען מיר, עטלעכע פראַנצויזישע געפאַנגענע, גערופן געוואָרן אין שטאַב, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ דער־בייאיק הויז. עס האָט אונדז אויפגענומען דער פּאָלקאָווניק.

— איר זייט פריי! — האָט אונדז דער הויכער סאָוויעטישער אָפיציר געזאָגט און אונדז מכבד געווען מיט וואָדקע — איר קענט איצט אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַרשע. פון וואַנען מען וועט אייך אָפּשיקן אין אייער לאַנד. כ'וועל זען, מען זאָל אייך גלייך באַזאָרגן מיט פערד און וועגענער.

אין אַ פּאָר שעה אַרום געפינען מיר זיך שוין אויפן וועג צוריק קיין מאָרונגען. עס ציען זיך מחנות פראַנצויזן, וועלכע גייען ביי דער זייט פון די וועגענער, אויף וועלכע עס ליגן זייערע זאַכן. די אימפּראָוויזירטע בלאָ־ווייס־רויטע פאָן פלאַטערט הויך. פון אַלע זייטן פאָרן אָן — אויף פויערישע וועגענער, פלאַטפאָר־מעס, פריצישע ברישקעס, שליטנס — גרופּעס פּאָלאַקן, באַ־פרייטע סאָוויעטישע געפאַנגענע, טשעכן, סערבן. אַלע מיט זייע־רע פאָנען. הילכיקע, פריידיקע געזאַנגען טראָגן זיך און מישן זיך אויס אין דער לופט.

רויט־אַרמייאישע אָפּטיילן אויף טאַנקען און לאַסט־אויטאָס באַ־גריסן אונדז פריילעך. אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן און אויף אַנצאָליקע אופנים דריקן די באַפרייטע אויס זייער אומענדלעכע דאַנקבאַרקייט פאַר די באַפרייער.

די זון האָט וואַרעם געלויכטן אין דאָזיקן ווינטער־טאָג און דער שניי אונטער אונדזערע פיס האָט ווי צוגעסקריפּעט צום טאַקט פון אונדזער געזאַנג. אַ העלע, אומבאַשרייבלעכע פרייד האָט באַהערשט אַלעמענס הערצער; די פרייד פון צום טויט־פאַר־משפּטע שקלאַפן, וואָס האָבן צוריקגעוווּנען זייער לעבן און זייער פרייהייט.

קאַפּיטל 5

סאָוויעטישע מענטשן

די שטאָט מאָרונגען, וועלכע האָט נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געציילט ביז צוואַנציק טויזנט דייטשע איינוווינער, איז איצט איינגאַנצן פּוסט. די כמעט איינציקע באַלעבאַטים אירע זענען די עטלעכע הונדערט באַפרייטע פראַנצויזן, וועלכע האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף זייער ווייטערדיקן מאַרשרוט אַהיים, דורך פּוילן און ראַטנפאַרבאַנד.

אַ גאַנצן טאָג זעט מען גרופּעס פראַנצויזן, וואָס טראָגן אַרויס פון די יאַטקעס גאַנצע „זייטן" פלייש, וועלכע זענען פאַרבליבן אויף גאָטס באַראָט. אַנדערע שלעפּן זעק מיט צוקער, מיט ברויט און ביסקוויטן. נאָך אַנדערע — פלעשער געטראַנק. אינמיטן די גאַסן ברענען פייערן. עס זענען דאָ איינגעאָרדנט „קיכן". די נעכ־טיקע קנעכט קאָכן און בראָטן מאכלים, וועגן וועלכע זיי האָבן שוין זינט יאָרן נישט געוואַגט אפילו צו חלומען...

אונדזערע באַפרייער, די סאָוויעטישע אַרמייער, זענען קאָנ־צענטרירט אויף די וועגן, ווו זיי פאַריכטן זייערע מאַשינען, פוצן די וואָפן זייערע. ווי נאָר עס קומען אָן פרישע איינהייטן, פאָרן די „אַלטע" אָפּ, אין דער ריכטונג צום פראָנט.

די פּאַטרולן אין שטאָט זענען ביז גאָר דיסקרעט. פון צייט צו

צייט דערבעענטערן זיי זיך צו די פראַנצויזן, פאַרפירן אַ פרייַנטלעכן שמועס, נעמענדיק צו הילף די עטלעכע ווערטער, וואָס אַלע פאַרשטייען, און אַרויסהעלפנדיק זיך צו דער רעשט מיט זשעסטן, מיט קלאַפּן איבער די פּלייצעס.

— „כאַראַשאָ" — זאָגט דער רויט־אַרמייער.

— קאַראַשאָ ! — ענטפערט אים דער פראַנצויז.

— היטלער קאַפּוט ! — חזרן שויןביידע גלייכצייטיק איבער און צעלאַכן זיך פול מיט צופרידנקייט. קודם כל פונעם פאַקט גופא, און דאַן אויך דערפון, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען...

●

צומאָרגנס אינדערפרי זענען אויפסניי אַלע שליטנס און וועגענער אויסגעשטעלט. די באַפרייטע קריגס־געפאַנגענע גרייטן זיך צו פאַרלאָזן די שטאָט. זיי זענען אַלע אויסגערוטע, זאַטע, אָפּגעגעסענע, פריילעכע.

אין מאָרונגען בלייבן מיר בלויז איבער אַ גרופּע פון 13 פראַנצויזן, פרייוויליקע צו אַרבעטן אין דאָרטיקן שפּיטאָל, ווו עס געפינען זיך קראַנקע פראַנצויזן, פּאָלאַקן, טשעכן, ווי אויך אַ געוויסע צאָל פאַרוווּנדעטע סאָוויעטישע סאָלדאַטן.

דאָס שפּיטאָל איז איינס פון די שענסטע און מאָדערנסטע אין מזרח־פּרייסן. ביז צום אַריינקום פון די סאָוויעטן איז עס געווען באַשטימט אויסשליסלעך פאַר דער „העכערער ראַסע" — פאַר די דייטשן. פאַר די קראַנקע פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, פאַר די שקלאַפן, איז קעגנאיבער דעם שפּיטאָל אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַראַק פון ברעטער, ווו עס האָט אַריינגערעגנט און אַריינגעשנייט.

גלייך ווי די רויט־אַרמייער האָבן פאַרנומען מאָרונגען, האָבן זיי אויסגעטוישט די יוצרות : די דייטשן זענען אַראָפּגעשיקט גע־

וואָרן אין די באַראַקן און פאַר די געוועזענע קריגס־געפאַנגענע און דעפאָרטירטע איז רעזערווירט געוואָרן דאָס שפּיטאָל, ווו עס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אַ טייל פון דייטשן פּערסאָנאַל זיי צו באַדינען.

— איך פאָר אַוועק אויפן פראָנט, — האָט מיר דערקלערט דער סאָוויעטישער „סטאַרשינאַ" (אַדיוטאַנט) — איר וועט האָבן די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַרן נאָרמאַלן פונקציאָנירן פון שפּיטאָל, ביז עס וועט אָנקומען מיין פאַרטרעטער און ביז עס וועט זיך איינ־שטעלן די קאָמענדאַנטור.

פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך די 5־שטאָקיקע געביידע געפונען אונטער אונדזער קאָנטראָל. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען: פאַרזאָרגן דאָס שפּיטאָל מיט באַשפּייזונג. מיר זענען אַרויס אויפן וועג, ווו מיר האָבן אָנגעטראָפן אייניקע דייטשן, וואָס האָבן אויף וועגענער געפירט זייערע זאַכן. קענטיק נישט באַוויזן אַריבער די ווייסל, ווייל ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט, האָבן זיי זיך אומגע־קערט צוריק. מיר האָבן צוגענומען אַ וואָגן מיט צוויי פערד און זענען אַוועק איבער דער שטאָט.

קיין שעה צייט איז נישט אַדורך, ווי אונדזער „עקספּעדיציע" האָט זיך פאַרענדיקט מיטן גרעסטן דערפאָלג. מיר האָבן אַנטדעקט אַ גרויסן באַשפּייזונג־לאַגער פון דער דייטשער אַרמיי און אָנגע־לייגט די פור מיט כל טוב. אָפּגעלאַדעוועט אַלץ אין די שפּייכלערס פון שפּיטאָל, האָבן מיר צוריקגעשיקט אייניקע חברים אין שטאָט אַריין נאָך פריש פּראָוויאַנט. די פערד האָבן דעם טאָג נישט גע־האַט קיין סך רו. דערפאַר אָבער איז דאָס שפּיטאָל פאַרזאָרגט גע־ווען מיט דערנערונג אויף אַ לענגערער צייט.

אין די אָוונטן האָבן די קראַנקע זיך פאַרזאַמלט אין די גרעסע־רע זאַלן, און עס זענען געזונגען געוואָרן פראַנצויזישע, פּוילישע, רוסישע און אוקראַינישע לידער. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ

האַרציקע נאָענטקייט צווישן די דאָזיקע מענטשן, ווען דער קריג האָט דאָ צוזאַמענגעבראַכט אין אַזעלכע אויסטערלישע באַדינגונגען.

●

אַ פראַנצויזישער קראַנקער, וואָס האָט שוין געענומען אַרומגיין, ווענדעט זיך צו מיר:

— כ'האָב צו דיר אַ גרויסע ביטע. איך האָב דאָ געאַרבעט אין דער שטאָט ביי אַ „פּאַטראָן" (באַלעבאָס). איך וויל צוגיין נאָך אַ קוק־טאָן אויפן הויז, ווו איך האָב אָפּגעפינצטערט דריי יאָר צייט.

בעת מיין נאָענטסטן באַזוך אין שטאָט, האָב איך אים מיטגענומען. ער איז אַריין אין הויז פון זיין „פּאַטראָן" און, שפּאַנענדיק איבער די צימערן, איז אים באַפאַלן אַן אויסערגעוויינלעכער כעס. ער האָט גענומען שליידערן אַלץ, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט.

— נאַ־דיר, „סאַלאָ"! (שמוציקער נפש) — האָט ער געשריגן, ברעכנדיק די מעבל, ווי ער וואָלט געהאַט דעם איינדרוק צו ברעכן די ביינער פון זיין נאַצישן באַלעבאָס — נאַ־דיר, דאָ האָסטו פאַר דיין „לאָס, לאָס"! דאָ האָסטו פאַר דיין „הייל היטלער"! דאָ האָסטו פאַר דיין „שמוציקע פראַנצאָזען־שווינע"!...

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַ יונגער סאָוויעטישער אַרמייער מיט אַ מאַשין־ביקס אויפן אָרעם. דער פראַנצויז האָט אים נישט באַמערקט און ווייטער געשריגן.

— וואָס זידלט ער זיך אַזוי? — פרעגט דער רויט־אַרמייער.

— ער האָט געאַרבעט — ענטפער איך — אַלס געפאַנגענער; זיין באַלעבאָס איז געוועזן דער פירער פון די נאַציס אין מאָרונגען.

דער רויט־אַרמייער קוקט גוטמוטיק אָן דעם פראַנצויז, וואָס שטייט שוין איצט שטיל און אַביסל אַ פאַרלוירענער.

— ניטשעוואָ — רופט זיך דער סאָוויעטישער סאָלדאַט צו אים אָפּ — ניטשעוואָ, מיר וועלן זיך שוין מיט זיי אָפּרעכענען!...

און אָנווייזנדיק אויפן שטויס אָנגעוואָרפענע זאַכן, גיט ער צו:

— ביערי, ביערי, מאַי דרוג... (נעם, נעם, מיין פריינט)!... זיי, די קאַנאַליעס, האָבן גענוג אָנגעראַבעוועט ביי אייך און ביי גאַנץ אייראָפּע!...

●

אין אַ פאַרטאָג האָט די קאַנאָנאַדע, וועלכע האָט אויף קיין איין ווײַלע נישט אויפגעהערט, ווייל דער פראָנט האָט זיך געפונען נישט ווייט, זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אונדז. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז עס קומען פאַר אַרום מאָרונגען ערנסטע שלאַכטן. דאָס האָבן די בערך צוואַנציק דייטשע דיוויזיעס, וועמען דאָס סאָוויע־טישע מיליטער האָט, דורך דער בליץ־אָפענסיווע פון וואַרשע קיין קעניגסבערג, אָפּגעשניטן יעדן צוריקטריט, גענומען פרוון זיך אַדורכצורייסן.

אין דאָזיקן טאָג זענען מיר אַרויסגערופן געוואָרן דורכן מאַיאָר מאַראָזאָוו, וואָס האָט געהאַט זיין קוואַרטיר אין צווייטן עק שטאָט.

— מיר דאַרפן האָבן אייער מיטהילף, — האָט מאַיאָר מאַראָ־זאָוו, דער מיליטערישער הויפּט־דאָקטאָר אונדז דערקלערט — מיר גייען דאָ אויפשטעלן אַ ריי שפּיטעלער פאַר אונדזערע פאַרוווּנדע־טע סאָלדאַטן. דאָרט, אין שטאָטישן שפּיטאָל, וועט מען זיך שוין אַן עצה געבן אָן אייך. אויב איר זייט מסכים, וועט איר פון היינט אָן פאַרבלייבן דאָ מיט אונדז אויף אַ געוויסער צייט.

אונדזער ערשטע אַרבעט איז געווען אָפּצורייניקן אַ גרויס הויז — אַ דייטשע האַנטווערקער־שולע — און עס צוגרייטן אויפ־צונעמען פאַרוווּנדעטע.

מיר זענען אַריין אין אַ גרויסן זאַל, אין וועלכן עס האָט גע־הערשט אַ גרויסע אומאָרדענונג. עס איז שוין געווען גוט טונקל.

קיין עלעקטרישע ליכט איז אין שטאָט נישט געווען זינט צוריק־טריט פון די דייטשן.

— מען מוז צוואַרטן ביז מאָרגן אינדערפרי — זאָגן מיר.

— אוממעגלעך, — ענטפערט דער מאַיאָר — מאָרגן אינדערפרי דאַרף שוין דאָס שפּיטאָל פונקציאָנירן.

ער נעמט צונויף אַ פּאַק פּאַפּירן און צינדט אָן אַ פייער אינ־מיטן אַ זאַל. מיר וואַרפן צו שטיקער האָלץ, און ביים דאָזיקן פייער הייבן מיר אָן די אַרבעט, וועלכע באַשטייט אין אויסליידיקן די זאַלן פון אַלץ, וואָס איז דאָרט פאַראַן: בעטן, שטולן, טישן, מלבושים. מיר וואַרפן דאָס מעבל און די אַנדערע זאַכן אַרויס דורך די פענצ־טער. פאַרטיק מיט איין זאַל, צינדן מיר אָן פייער אין אַ צווייטן, און רייניקן אַלץ אָפּ אויפן זעלבן אופן. אין אייניקע ערטער טרעפן מיר זיך אָן אויף טויטע קערפּערס פון ס.ס.־לייט. קענטיק, אַז ביים איינעמען די שטאָט זענען דאָ פאָרגעקומען העפטיקע שלאַכטן.

צוויי פראַנצויזן טוען אַ כאַפּ אָן ס.ס.־מאַן און ווילן אים אַרויס־שליידערן דורכן פענצטער: אַזוי וועט עס גיין גיכער... דער מאַ־יאָר לאָזט אָבער נישט:

— טראָגט זיי אַראָפּ, לייגט זיי אַרויף אויף אַ וואָגן און פירט זיי אַוועק.

אַרום 12 ביינאַכט, ווען אַלע זאַלן זענען שוין געווען פולשטענ־דיק אויסגעליידיקט, זענען אָנגעקומען צוויי רויט־אַרמייערינס, קראַנקן־שוועסטער, און צוזאַמען מיט אונדז גענומען באַדעקן די דילן מיט שטרוי.

— נו, איר האָט זיך גוט אָנגעאַרבעט! — רופט זיך דער מאַיאָר אָפּ צו אונדז — איצט דאַרף מען אַ קלער טאָן וועגן עסן פאַר אייך.

עס איז אָבער שטאַרק פינצטער אינדרויסן, און דער מיליטע־רישער מאַגאַזין דערנעבן איז שוין געשלאָסן.

— פאַרפאַלן, — זאָגן מיר — מירן שוין עסן אינדערפרי.

דער מאַיאָר גייט אַוועק. אַ פערטל שעה שפּעטער באַווייזט ער זיך צוזאַמען מיט אַ סאָלדאַט, וואָס שלעפּט אַ גרויסן זאַק.

— נאַ, יאַטן, עסט! — זאָגט אונדז מאַיאָר מאַראָזאָוו, אַ פאַר־סאַפּעטער.

אינעם זאַק איז געווען ברויט, ווורשט און צוויי פלעשער שנאַפּס.

●

אין דער זעלבער נאַכט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די ערשטע טראַנספּאָרטן פאַרוווּנדעטע. טייל זענען געבראַכט געוואָרן אויף לאַסט־אויטאָס פון די פראָנט־ליניעס, אַנדערע אויף פויערישע פור־לעך פון די אַרומיקע דערפער. מיר האָבן אָן איבעררייס געאַרבעט ביים אַרויפטראָגן מיט „טראַגעס" די פאַרוווּנדעטע אויף די פאַר־שידענע שטאָקן פון דאָזיקן אימפּראָוויזירטן שפּיטאָל, ווו גלייך אינדערפרי איז שוין איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָפּעראַציע־זאַל.

נישט געקוקט אויף זייערע ווייטיקן און, אָפט, זייער שווערע ווונדן, האָבן די סאָוויעטישע אַרמייער איבעראַשט מיט זייער אויסדויער און רואיקייט. זעלטן־ווער עס האָט זיך באַקלאָגט. טייל האָבן זיך געוויצלט, אַנדערע האָבן געזונגען. איך דערמאָן זיך, ווי ס'איז אונדז אויסגעקומען אַראָפּצונעמען פון אַ וואָגן אַ שווער־פאַרוווּנדעטן סאָוויעטישן קאַפּיטאַן, וואָס איז געווען פול מיט באַנ־דאַזשן איבערן גאַנצן קערפּער. אַ בלאַסער, מיט פאַרביסענע ליפּן, האָט ער אונדז באַטראַכט, נישט אַרויסלאָזנדיק דעם מינדסטן זיפץ.

מיר האָבן אומזיסט געזוכט אַ געזונט אָרט, ביי וועלכן אים אָנצונעמען, כדי אים צו פאַרשאַפן וואָס ווייניקער יסורים בעתן אַרויפלייגן אים אויף דער „טראַגע".

— מאַכט עס גיכער! — האָט ער אַ זאָג־געטאָן מיט אַ שוואַכער שטימע.

— מיר ווילן אייך נישט ווײ־טאָן... — פאַרענטפערן מיר זיך.

— אַ סאָוויעטישער סאָלדאַט און אַ קאָמוניסט איז געווען פאַר־האַרטעוועט... — רייסט זיך אַ בלייכער שמייכל אַדורך פון זיין אָרומגעבונדן פנים.

ווי לייכט און ווי זאָרגפול מיר האָבן אים נישט אַנגענומען, האָט זיין ווייטיק געמוזט זיין אַ שרעקלעכער. דאָס פנים זיינס איז גע־וואָרן נאָך בלייכער און די ליפּן האָבן זיך נאָך שטאַרקער פאַרביסן. דער מינדסטער קלאַנג איז אָבער נישט אַרויס פון זיין מויל.

●

צום דאָקטער לויפט אַריין אַ יונגער טאַנקיסט פון אַ יאָר 18 מיט אַ סימפּאַטיש, לאַכנדיק פנים:

— בינדט מיר אַרום די האַנט, טאָוואַרישטש וראַטש (חבר דאָקטער).

דער דאָקטער באַטראַכט די האַנט. זי איז שוואַרץ ווי קויל, אָנגעשוואָלן און עטוואָס אויסגעבויגן.

— מוזט דאָ פאַרבלייבן עטלעכע טעג. ס'איז ערנסט...

— טאָוואַרישטש וראַטש, אוממעגלעך — בעט זיך דער טאַנ־קיסט — די מאַשין וואַרט אויף מיר... לייגט אַוועק אַ באַנדאַזש, ס'וועט גאָרנישט זיין...

— אָבער די האַנט איז דאָך שוואַרץ, ס'קען נאָך ווערן אַ גאַנ־גרענע.

— קוקט נישט, טאָוואַרישטש וראַטש, וואָס זי איז שוואַרץ, דאָס איז פונעם פעטס פון דער מאַשין... כ'וועל זי שוין אויסהיילן נאָכן נעמען בערלין... די מאַשין וואַרט אויף מיר...

אַ גליקלעכער, לאָזט ער זיך אַראָפּ פון אַלע טרעפּ, ווען ער האָט סוף כל סוף אויסגעפירט זיין פאַרלאַנג.

●

עס קומט אַריין אַ לייטענאַנט. איך דערקען אים. ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָט מען אים אַהערגעבראַכט אין זייער אַ שווערן

צושטאַנד, אין אומבאַוווסטזיין. איצט איז ער שוין אַ פּאָר טעג נאָך דער אָפּעראַציע. ער באַוועגט זיך פּאַמעלעך, מיט גרויסע שווע־ריקייטן.

— כ׳האָב צו אייך אַ ביטע, חבר מאַיאָר... — זאָגט ער שטיל.

— וואָס אַזוינס?

— איר זאָלט מיך אויסשרייבן פון שפּיטאָל...

— אוממעגלעך!

— איר פאַרשטייט, מאָרגן גייט אַוועק מיין קאָמפּאַניע אויפן פראָנט. כ׳קען דאָ מער נישט בלייבן...

נאָך אַ לאַנגער דינגעניש, האָט ער זיינס אויסגעקעמפט: ער איז אַוועק צוזאַמען מיט זיין קאָמפּאַניע.

●

אין יעדן פון די זאַלן איז אַ זעלטענער אויסמיש פון פעלקער: לעבן אַ רוס ליגט אַ מאָנגאָל, לעבן אַן אוקראַאינער — אַ טאַ־דזשיק. אַ גרוזינער, אַ קירגיז, אַ ייד און ווייסרוס בילדן אַ גרופּע שכנים און האַלטן זיך האַרציק אונטער. נישט געקוקט אויפן גרויסן אונטערשיד אינעם אויסזען, נישט געקוקט אויף די פאַרשידענע אַקצענטן, מיט וועלכע זיי רעדן, איז פאַר אַלעמען כאַראַקטעריס־טיש די נאַטירלעכע פריינטשאַפט פון קאַמפּס־חברים, פון בירגער פונעם זעלבן גרויסן ראַטנפאַרבאַנד, דאָס געפיל, אַז יעדער פון זיי איז קודם כל אַ ס אָ װ י ע ט י ש ע ר מענטש.

צו אונדז, פראַנצויזן, האָבן אָט די סאָוויעטישע מענטשן זיך באַצויגן מיט אויסערגעוויינלעכער פריינטלעכקייט. זיי האָבן ליב געהאַט זיך מיט אונדז אויסצוטענהן, אויספרעגן זיך ווי מען לעבט אין פראַנקרייך, פאַרוואָס מען האָט ביי אונדז צוגעלאָזט אין די יאָרן 1938־1940 צום פאַראַט פון די מלוכה־מענער און גענעראַלן. זיי האָבן קיינמאָל נישט באַשולדיקט דאָס פראַנצויזישע פאָלק, נאָר פאַרשטאַנען, אַז מען האָט עס פאַרפירט. זיי האָבן אויף אַ פּשוטן

אופן באַנומען, אַז דאָס האָבן זיי, די סאָוויעטישע אַרמייער, די גרוי־סע אויפגאַבע צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון די פאַרשקלאַפּ־טע פעלקער פון אייראָפּע.

זיי זענען געווען זייער מענטשלעך, האָבן גערעדט פּשוט, מיט ליבע און בענקשאַפט וועגן דער פרוי און קינדער, וועגן דער פאַב־ריק אָדער וועגן קאָלווירט. זיי האָבן מיט דער זעלבער רירנדיקער נאַטירלעכקייט און אויפריכטיקייט אַרויסגעבראַכט זייער גרענעצ־לאָזע ליבע צו דער „ראָדינאַ" (היימלאַנד) און צו סטאַלינען.

●

ווען דאָס שפּיטאָל איז אימפּראָוויזירט געוואָרן, איז דאָרט גע־ווען בלויז ליידיקע ווענט און דילן, באַלייגטע מיט שטרוי. קיין ליכט, קיין וואַסער, קיין שום מינדסטע באַקוועמלעכקייט. צען טעג שפּעטער זענען שוין אין אַלע צימערן געווען בעטן. עס האָט פונקציאָנירט די וואַסער־לייטונג. ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן ערשטקלאַסיקע באָד אין די קעלערן פון הויז. די טרעפּ זענען גע־ווען באַדעקט מיט דיוואַנען. פון די שטולן, טישן און בענק, וועל־כע מיר האָבן אין ערשטן אָוונט אַרויסגעוואָרפן, האָט מען איינ־ציקווייז אויסגעקליבן די פּאַסיקסטע און אַריינגעשטעלט אין די צימערן.

דאָס איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ זייער קליינער גרופּע, אונ־טערן אָנפיר פונעם מאַיאָר מאָראָזאָוו. דערביי איז פּשוט געווען שטוינענד די אַרבעטזאַמקייט פון די סאָוויעטישע מענטשן. מיר האָבן געזען דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער אַדורכפירן נאָכאַ־נאַנד די שווערסטע אָפּעראַציעס אין משך פון גאַנצע מעת־לעתן, אָן אָפּרו, אָן שלאָף.

שוין דעם ערשטן טאָג פון אונדזער אַרבעט אין שפּיטאָל האָט מאַיאָר מאָראָזאָוו פאַר אונדז באַפרייט אַ דירה פון דריי צימערן און אַ קיך אין אַ קעגנאיבערדיק הויז. ער האָט געהייסן איבער־

לאָזן אין דער וווינונג איינעם פון אונדז אַלס קוכער. נאָכדעם ווי מיר האָבן בייטאָג געגעסן פון דער אַלגעמיינער שפּיטאָל־קיך, פלעגן מיר יעדן אָוונט פראַווען אַ סעודה ביי זיך אין וווינונג. דער מאַ־יאָר האָט אונדז באַזאָרגט צוערשט מיט אַ חזיר, דערנאָך מיט אַ קאַלב, כדי מיר זאָלן האָבן גענוג פליייש.

— אויב עס וועט אייך עפּעס פעלן — האָט ער אונדז ביי יע־דער געלעגנהייט דערמאָנט — אויב דאַרפט איר עפּעס, שעמט זיך נישט, קומט צו מיר אַריין. ווען עס וועט נאָר זיין מעגלעך, וועלן מיר עס אייך באַזאָרגן.

גאַנץ אָפט, ווען זיי האָבן נאָר געהאַט אַ פרייען מאָמענט, פלעגן אונדז באַזוכן הויכע סאָוויעטישע אָפיצירן. מיט אַ באַזונ־דערן זאָרג האָט זיך צו אונדז באַצויגן אַן עלטערער פּאָלקאָווניק, אַ סיבירער, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל אויסצייכע־נונגען נאָך פונעם בירגער־קריג, ווי אויך פונעם קריג ביי כאַסאַן, קעגן די יאַפּאַנער, און אין פינלאַנד. יעדן אָוונט פלעגט ער אונדז ברענגען און קאָמענטירן די לעצטע „סוואָדקע" (טאָג־באַריכט פונעם גענעראַל־שטאַב) און פאָרלייענען די וויכטיקסטע ידיעות און אַרטיקלען פון דער „פּראַוודאַ". אַזוי האָבן מיר זיך דערוווּסט דורך אים וועגן דער קאָנפערענץ אין יאַלטאַ צווישן סטאַלין, רוזוועלט און טשערטשיל און וועגן אירע באַשלוסן.

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך מיט אונדז אונטערגעהאַלטן מיט אויסערגעוויינלעכער פּשוטקייט. כ'דערמאָן זיך, ווי איינער פון אונדז, וואָס האָט דעם אָוונט געכאַפּט עטלעכע איבעריקע גלעזלעך, איז צו צום פּאָלקאָווניק, אים געגומען קלאַפּן איבער דער פּלייצע און אַריינשרייען אין אים, אויף פראַנצויזיש, ווערטער, וועלכע האָבן זיך נישט געקלעפּט איינס מיטן אַנדערן. מיר האָבן זיך גע־פילט שולדיק און פאַרשעמט און געפּרוּווט דעם בגילופנדיקן חבר אַריינפירן אין אַ צווייט צימער.

דער פּאַלקאָווניק האָט זיך אָבער אָבסאָלוט נישט באַליידיקט. ער האָט האַרציק געלאַכט און מיט גרויס געדולד באַרואיקט דעם פראַנצויזישן סאָלדאַט.

●

אַזוי זענען אַדורך 4 וואָכן. דער פראָנט האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט פון מאָרונגען. קיין פרישע פאַרוואונדעטע זענען שוין כמעט נישט צוגעקומען. די אויסגעהיילטע זענען אַוועק אויפן פראָנט און די שווער־פאַרוואונדעטע, ווי נאָר זיי האָבן זיך געפונען אויסער געפאַר, זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס שפּיטאָל מיט זיינע אָפּצווייגונגען האָט שוין פונקציאָנירט פולשטענדיק נאָרמאַל. מאַיאָר מאָראָזאָוו פלעגט איצט אַכטונג געבן, מיר זאָלן אויספירן פיל לייכטערע אַרבעטן. מיר האָבן געזען, אַז אונדזער אָנוועזנהייט איז שוין נישט דרינגענד. די חברים האָבן מיך דעריבער געבעטן, כ׳זאָל איבערעדן מיטן מאַיאָר וועגן דערלויבן אונדז אַוועקצופאָרן אין דער ריכטונג פון האָהענשטיין, ווו ס׳איז געווען דער טרעף־פונקט פאַר אַלע געוועזענע פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע פון מזרח־פּרייסן.

דעם מאַיאָר מאָראָזאָוו האָב איך געטראָפן ערשט 9 אַזייגער אָוונט. ער איז נאָרוואָס צוריקגעקומען פון עלבינג, פון וואַנען ער האָט מיטגעבראַכט פאַרשידענע מכשירים פאַרן שפּיטאָל. ער איז געווען אין אַ באַזונדערס גוטער שטימונג.

— אין צוויי טעג אַרום וועלן מיר האָבן עלעקטרישע באַלייכטונג אין שפּיטאָל — האָט ער אויסגערופן אַ צופרידענער, אַראָפּשפּרינגענדיק פון לאַסט־אויטאָ.

— כ׳האָב צו אייך אַ בקשה אין נאָמען פון מיינע פראַנצויזישע חברים און כ׳וואָלט וועלן איר זאָלט מיר באַשטימען עטלעכע מינוט אויף מאָרגן אינדערפרי.

— פאַרוואָס נישט גלייך? — ענטפערט דער מאַיאָר — קומט צו מיר אַרויף אין אַ האַלבע שעה אַרום, וועט מען צוזאַמען אָפּעסן אָוונט־ברויט... ניין, ניין, איר שטערט מיר אַבסאָלוט נישט — רייסט ער מיר איבער מיט זיין האַרציק געלעכטער — כ'בין נישט מיד! מיר. רוסן, אַרבעטן צום בעסטן ביינאַכט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָב איך זיך געפונען ביי מאַיאָר מאַראָזאָוו אין צימער, ווו עס איז געווען געגרייט צום טיש.

— באַקענט זיך, קאַפּיטאַן... — שטעלט ער מיך פאָר פאַר אַ צווייטן אָפיציר, אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, וואָס האָט זיך שטילשווייגנד אויפגעהויבן און מיר געדריקט די האַנט.

— רוף אַרויף דעם שאָפער, זאָל ער עסן מיט אונדז. ער מוז שוין זיין טויט־הונגעריק — גיט דער מאַיאָר שטיל אַ זאָג צום קוכער.

אַ ווײַלע שפּעטער זיצן מיר זאַלבעפערט— די צוויי אָפיצירן, דער פראַנצויזישער סאָלדאַט און דער שאָפער — און עסן. עס העלפט נישט מיין טענהן, אַז כ'בין שוין נאָך אָוונט־ברויט.

— איר האָט געענוג געהונגערט ביי די דייטשן. עסט... — האָט דער מאַיאָר אַכטונג געגעבן, אַז כ'זאָל זיך, חלילה, נישט אָפּנאַרן ביים עסן.

דאָס אָוונט־ברויט איז שוין לאַנג פאַרענדיקט. מיר רייכערן ציגאַרעטן און דער קאַפּיטאַן פאַרציט זיין לולקע. מיר שמועסן. דער קאַפּיטאַן דערציילט מיר, אַז ער איז פון כאַרקאָוו, אַ וויסנשאַפטלער. ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער נישט געטראָפן מער זיין הויז. די דייטשן האָבן עס צעשטערט. אַלע זיינע מאַנוסקריפּטן, די פרוכט פון פיפצן יאָר אַרבעט, זענען פאַרניכטעט געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און אַ זון פון אַכצן יאָר.

— דער קריג — רעדט ער שטיל, ווי צו זיך — האָט מיך אויס־

געלערנט האַסן דעם פּאַשיזם, אַזוי ווי איך וואָלט עס קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פעאיק געווען... אָבער יעדעס מאָל, ווען איך זע, ווי אונדזערס אַ סאָלדאַט, וואָס האָט נישט ווייניקער געליטן פון די נאַציס ווי איך, גיט אַ שטיקל ברויט אַ הונגעריק דייטש קינד, פיל איך זיך שטאָלץ, וואָס די אַלע גרוילן פון דער מלחמה און די אַלע אכזריותן, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן, האָבן נישט באַוויזן אָפּצוטעמפּן ביים סאָוויעטישן מענטשן די געפילן פון מענטשלעכקייט...

די אָפיצירן פרעגן זיך אויס וועגן לעבן אין פראַנקרייך. זיי ווייזן אַרויס גרויס קענטשאַפט אין אַלע פּראָבלעמען פון פראַנצויזישן לעבן. דאָס געשפּרעך גייט אַריבער צו פראַגן פון ליטעראַטור, פון וויסנשאַפט. מיר רעדן וועגן באַלזאַק און וועגן טאָלסטאָי, וועגן ראָמען ראָלאַן און גאָרקי, וועגן באַרביס און שאָלאָכאָוו, וועגן פּאַסטער און מעטשניקאָוו. עס ווערן באַרירט פּראָבלעמען פון מאַרקסיזם, די פּערספּעקטיוון פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. עס נעמען אָנטייל אין דער דיסקוסיע דער שאָפער און דער קיכער. מען קומט ענדלעך צוריק צו דער ברענענדיקער אַקטועלקייט:

— די רויטע אַרמיי איז איצט בכוח אַליין צו דערגיין ביז צום ריין און נאָך ווייטער, — פירט אויס מאַיאָר מאַראָזאָוו — דערפאַר איז צו האָפן, אַז אונדזערע „סאָיוזניקעס" (אַלירטע) וועלן שוין נישטמער אַזוי שלעפּן מיטן צווייטן פראָנט, ווי זיי האָבן עס געטאָן זינט 1941...

עס איז שוין געווען נאָך צוויי ביינאַכט, ווען אונדזער שמועס האָט זיך פאַרענדיקט.

— דאָס ערשטע מאָל זינט וואָכן, וואָס מיר האָבן זיך געקענט דערלויבן אַזוי צו „פטרן" צייט — טוט דער מאַיאָר אַ שמייכלענדיקער אָן דעם מאַנטל. ער גייט אַראָפּ אין שפּיטאָל אַרבעטן.

— יאָ, און וואָס שייך אייער פאָרן, קענט איר מאָרגן איינדערפרי זיך קלייבן אין וועג אַריין.

איך האָב געבעטן, אין נאָמען פון מיינע חברים, אַן אַדורכפּאָר־שיין קיין האָהענשטיין און, אויב מעגלעך, אַ וואָגן מיט אַ פערד פאַר די זאַכן אונדזערע.

●

צומאָרגנס אינדערפרי איז שוין פאַר דער טיר פונעם הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, געשטאַנען אַ וואָגן מיט 2 פערד. פון דער אינ־טענדענץ האָט מען אונדז געבראַכט שפייז.

מאַיאָר מאָראָזאָוו רופט אונדז אַריין און געזעגנט זיך האַרציק מיט יעדן באַזונדער, האָבנדיק פאַר יעדן איינעם אַ גוט וואָרט, אַ פריינטלעכע באַמערקונג.

— איר האָט געבעטן אַ דורכפאָר־צייגעניש ביז האָהענשטיין. כ׳וועל אייך אָבער געבן אויף פיל ווייטער, ביז וואַרשע. איר וועט אַזוי אַרום אָניאָגן אייערע חברים, וואָס זענען פריער אַוועק פון דאַנען.

שמועסנדיק אַזוי מיט אונדז, דערזעט ער דורכן פענצטער דעם „סטאַרשינאַ״ (אַדיוטאַנט), דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער באַשפּייזונג.

— אַנטשולדיקט אַ ווײַלע — זאָגט דער מאַיאָר. ער לויפט אַראָפּ די 3 שטאָק שטיגן און יאָגט אָן דעם „סטאַרשינאַ״.

— כ׳האָב געהייסן אייך צוגעבן געוויסע שפייז. עס וועט אייך צונוצקומען אויפן וועג... — באַמערקט ער, צוריק אַרויפקומענדיק. מיר וואַרפן אַ בליק צום פענצטער: לעבן אונדזער וואָגן פאָרען זיך איצט צוויי סאָלדאַטן, וואָס לייגן דאָרט אַרויף ברויט, ווורשט, צוקער...

מיר צעקושן זיך מיטן מאַיאָר און דאַנקען אים פאַר אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער און זיינע חברים האָבן אונדז אַרויס־געוויזן די גאַנצע צייט. מיר גייען אַדורך די שפּיטאָל־זאַלן און גע־

זעגענען זיך מיט די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, מיט די דאָקטוירים און סאַניטאַרן.

ווי שטאַרק ס'איז נישט געווען ביי אונדז דער דראַנג צו זיין וואָס פריער אין פראַנקרייך, נאָך 5 יאָר אָפּוועזנהייט, איז די צע־שיידונג געווען אַ ביז גאָר שווערע...

●

די פערד ציען דעם פול־געפּאַקטן וואָגן מיט אונדזערע זאַכן און עסנוואַרג. 13 פראַנצויזן מאַרשירן ביי די זייטן און פון הינטן.

מיר האָבן שוין אַדורכגעמאַכט אַ צען קילאָמעטער. מיר קומען אַריין אין אַ קליין שטעטל.

הינטער אונדז יאָגט זיך איינער אויף אַ וועלאָסיפּעד. אָט איז ער לעבן אונדז. ער שפּרינגט לייכט אַראָפּ פון וועלאָ. איך דער־קען אים גלייך. דאָס איז דער קאַפּיטאַן, מיט וועמען מיר האָבן נעכטן געגעסן אָוונט־ברויט.

— אַנטשולדיקט מיר, כ'האָב נישט באַוויזן זיך צו געזעגענען מיט אייך... — פאַרענטפערט ער זיך — אין איינוועגס האָט מיך דער מאַיאָר געבעטן זען, צי איר האָט נישט געהאַט קיין שוועריקייטן אין וועג.

ער נעמט דערביי אַרויס אַ פּעקל פּאַפּירלעך. אויף יעדן פּאַפּירל — דער נאָמען פון איינעם פון אונדז: אויסצייכענונגען פון דער סאָוויעטישער אַרמיי פאַר דער באַשיידענער מיטהילף, וועלכע מיר האָבן אין משך פונעם חודש געגעבן אונדזערע באַפרייער.

●

אָנגעקומען פאַרנאַכט אין אַ דאָרף אין מזרח־פּרייסן, האָבן מיר באַשלאָסן דאָרט איבערצונעכטיקן. מיר גייען אַריין אין אַ פּויעריש הויז, פאַרנעמען אַ צימער און הייבן זיך אָן „איינצואָרדענען". מיר האָבן אויפן וועג געכאַפּט צוויי הינער, און מיט פּראָוויאַנט, וואָס מיר האָבן מיט זיך, נעמען מיר צוגרייטן דאָס אָוונט־ברויט.

דערווייל האָבן זיך פאַרן הויז אָפּגעשטעלט צוויי לאַסט־אוי־טאָס און עס שפּרינגען אַראָפּ פון זיי דריי רויט־אַרמייער. זיי קו־מען אַריין אין צימער:

— מיר זוכן דאָ אַ געלעגער איבערצונעכטיקן, — זאָגן זיי — מאָרגן אינדערפרי פאָרן מיר קיין מלאַווע, אין פּוילן.

מיר לאַדן איין די רויט־אַרמייער צו עסן מיט אונדז. איינער פון זיי גייט אַרויס צו די אויטאָס און ברענגט אַריין זייער חלק שפּייז.

עטלעכע פּראָנצויזן פאַרוואַנדלען זיך גלייך אין קוכערס. עס דויערט נישט לאַנג, און מיר נעמען פּראַווען אַ סעודה, וואָס פאַר־ציט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אינדערפרי טרעפן מיר די סאָוויעטישע שאָפערן ביי זייערע לאַסט־אויטאָס. מיר פירן אַרויס די צוויי פערד, כדי זיי איינצו־שפּאַנען אין וואָגן.

— לאָזט אָפּ אייער וואָגן! — ראָטן אונדז די רויט־אַרמייער — וואַרפט אַרויף אייערע זאַכן אויף די אויטאָס און מיר וועלן אייך אַראָפּלאָזן אין פּוילן אין אַ פּאָר שעה אַרום.

מיר האָבן אָפּגעגעבן דעם וואָגן מיט די פערד אין דער אָרטי־קער קאָמענדאַנטור, און אינעם זעלבן פאַרמיטאָג זענען מיר שוין געווען אין פּוילן.

קאפיטל 6

אין וואַרשע, פעברואַר 1945

סוף פעברואַר 1945 אין וואַרשע. די פוילישע הויפטשטאָט, וואָס איז מיט אַ קנאַפּע זעקס וואָכן צוריק באַפרייט געוואָרן דורך די אַרמייען פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי, שטעלט מיט זיך פאָר איין גרויזאַמען הויפן פון חורבות. אונטער די חורבות — וויפל צענדליקער טויזנטער קערפּערס פון די, וואָס די נאַצישע באָמבעס, שראַפּנעלן און גראַנאַטן האָבן אומגעבראַכט!

בלויז איין צייטווייליקע, אין געאייל־אויפגעשטעלטע בריק פאַראייניקט די פאָרשטאָט פּראַגע מיט דער שטאָט וואַרשע. די דאָזיקע בריק איז בלויז אַ פּאָר שעה אין טאָג אָפן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. אַ גאַנצן מעת־לעת יאָגן זיך דורך איר די מיליטערישע אָפּטיילן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי און פון דער יונגער פוילישער פאָלקס־אַרמיי. זיי איילן אין דער ריכטונג פון מזרח־פּרייסן, אין דער ריכטונג פונעם האַרץ פון דער צום טויט־פאַרוואונדעטער היטלערישער בעסטיע, כדי צו פאַרענדיקן דאָס באַפרייען אייראָפּע און די וועלט פון דער פאַשיסטישער שקלאַפעריי.

אָבער אַ גאַנצן טאָג ציט זיך פון פּראַגע קיין וואַרשע, איבערן אייז פון דער ווייסל, אַן אומאויפהערלעכער צוג פון ציווילע. דאָס

זענען צומערסטן פרויען און קינדער. דאָס אייז געמט שוין צע־גיין אונטער די ערשטע שטראַלן פון דער בלאַסער זון. בלויז אַ שמאָלער זיגזאַג־אַרטיקער פאַס פאַרהאַרטעוועט אייז איז פאַר־בליבן, ווי צו דערמעגלעכן פאַר אָט די טויזנטער און טויזנטער מענטשן דאָס עולה־רגל זיין אין זייער געבוירן־שטאָט.

אַ שווידערלעך בילד שטעלט מיט זיך פאָר דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען איינע פון די גרעסטע שטעט אין אייראָפּע. בלויז ערגעץ־ווו איז געבליבן שטיין אַ גאַנצע געביידע, וואָס שטרייכט נאָכ־מער אונטער, מיט איר קאָנטראַסט, מיט איר פאַריתומטקייט, די רואינען פון אַרום. דו בלאָנדזשעסט איבער דעם, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גאַס, אַן אַלייע, שטרענגסט אָן דעם זכרון: ווו געפינסטו זיך איצט? וואָס פאַר אַ געגנט איז דאָס אַמאָל געווען אין דער שיינער וואַרשע, וועלכע איז געווען באַוווינט פון אַ מיליאָן מענטשן?

און אָט קומסטו צו צום סאַמע עלנטסטן, צום סאַמע פאַר־ניכטעטסטן טייל פון דער שטאָט: דאָס איז אַמאָל געווען דער יידי־שער קוואַרטאַל — די נאַלעווקעס, דער מוראַנאָוו, דזשיקע, ניז־קע... דאָ ביסטו געבוירן געוואָרן, זיך אויפגעצויגן... דאָ האָסטו אָנגעהויבן צו אַרבעטן. דאָ האָסטו באַקומען די ערשטע קלעפּ ביי אַן אַרבעטער־מאַניפעסטאַציע... יעדער הויף, יעדער שטיין איז דיר געווען אַזוי באַקאַנט, אַזוי טיף איינגעבאַקן אין האַרצן... קענסט אָבער איצט גאָרנישט אונטערשיידן, ווייל פון קיין שום הויף איז נישט געבליבן קיין זכר; קיין שטיין איז נישט געבליבן גאַנץ אויף זיין אָרט. אַלץ איז צונויפגעמישט אין איין ריזיקער מאַסע פון חורבות, די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ.

ווי לאַנג געפינסטו זיך שוין דאָ? מינוטן? שעהן?... דער הימל הענגט איצט נידעריק איבער דיין קאָפּ, פאַרוואָלקנט, טריב... און אָט הייבן אָן די בערג חורבות זיך באַוועגן. עס נעמען פון זיי אַרויסגיין יידישע מאַמעס, טאַטעס, זקנים, קליינע קינדער... עס

שטרעקן צו דיר אויס די הענט טויזנטער, מיליאָנען קדושים... און איבער אַלעם וואַקסן אויס די סילועטן פון די גבורים, די העלדן פון אויפשטאַנד...

פון דער אימהדיקער שטילקייט אין די געטאָ־רואינען גייען אויף צו דיר ווייטע שטימען: געוויין? תפילה? געזאַנג? לעצטער שטאָלצער באַפעל פון אַן אויפשטענדלער פאַרן וואַרפן זיך קעגן אַ נאַצישן טאַנק?...

●

צווישן די בערג ציגל און זאַמד באַוועגן זיך דאָ און דאָרט מענטשן. זיי האָבן אויפגעזוכט דאָס אָרט, וואָס איז אַמאָל געווען זייער היים. זיי נישטערן צווישן די רואינען, וועלנדיק געפינען עפּעס, וואָס איז געווען אייגנס. זיי טרעפן זיך אָן אויף אַ קינדער־ריש מאַנטעלע, אויף אַ שיכל, אויף אַ מענטשלעכן שאַרבן...

אַביסל ווייטער, ביים הויפּט־וואָקזאַל, שטייען גרופּעס מענטשען. מען רעדט שטיל, געדעמפּט, ווי אויף אַ בית־עולם. מען איז קוים אַרויס פון קאָשמאַר. מען גלייבט זיך אַליין נישט, אַז מען איז צווישן די לעבעדיקע; אַז אַרום לויערן נישט מער די געשטאַפּאָ, די ס.ס.; אַז מען איז פריי, ענדלעך פריי.

●

צוריק אין פּראַגע, דורך דער אימפּראָוויזירטער אייז־„בריק". איבער די שאָסייען ציען זיך אומאויפהערלעך שווערע טאַנקען, די טאַנקען פון דער יונגער פּוילישער פאָלקס־אַרמיי; טאַנקען, אויסגעאַרבעטע אין די סאָוועטישע פאַבריקן.

— עס זענען שוין דאָ איצט פאַרבייגעפאָרן מער פאַנצער־וואָגנס, ווי די גאַנצע אַרמיי פון רידז־שמיגלי האָט פאַרמאָגט אין 1939... — זאָגט מיר אַ פּוילישער אָפיציר. — די ענגלענדער און „אייערע" פראַנצויזן האָבן זיך נישט געאיילט אונדז זיי צו ליפערן. און וואָס שייך „אונדזער" רעגירונג דעמאָלט...

— די ענגלענדער... — רייסט אים איבער אַן עלטערער פּויִלישער באַן־אַרבעטער — ווען זיי און די אַמעריקאַנער וואָלטן וועלן, וואָלט די מלחמה שוין לאַנג געווען פאַרענדיקט, וואָלט שוין מיט צוויי, מיט דריי יאָר צוריק וואַרשע געווען באַפרייט... וויפל מיליאָנען מענטשן וואָלטן געקענט געראַטעוועט ווערן! און אונדזער וואַרשע וואָלט נישט אַזוי אויסגעזען — ווייזט ער אין דער ריכטונג פון ריזיקן, אומענדלעכן הויפן חורבות אויף יענער זייט ווייסל, וואָס קוקן אַהער פון דער אָונטיקער טונקלקייט מיט דער אומהיימלעכער פאַרשטאַרטקייט פון פאַרגלייזטע אויגן פון אַ בר־מנן.

... און אויפסניי ציען זיך שווערע וואַגנס. דאָס מאָל זענען עס גרויסע סאָוויעטישע לאַסט־אויטאָס.

— דאָס ברענגען זיי תבואה פאַר דער באַפעלקערונג. — זאָגט מיר מיין באַגלייטער — אַ מתנה פון סטאַלינען פאַרן באַפרייטן פאָלק.

●

דעם זעלבן אָוונט אויפן וואָקזאַל פון פּראַגע. פול מיט מענטשן אינעווייניק און אויך אינדרויסן. מען וואַרט אויפן צוג קיין לובלין. וועט ער היינט אָפּפאָרן? אָדער מאָרגן? פאַרשידנאַרטיק איז דער עולם: סאָוויעטישע און פּוילישע סאָלדאַטן, פרויען מיט קינדער, עלטערע אַרבעטער, פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, דעפּאָרטירטע אין זייערע לאַגער־קליידער. אָט באַקענען מיר זיך מיט אַ יידישן יונגנמאַן, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַרויס פון אַ בונקער, לעבן דער ציטאַדעל. ער איז געבליבן איינער פון ניין, וואָס האָבן מיט צוויי יאָר פריער זיך „אַריינגעצויגן" אין דאָזיקן בונקער. פיר וואָכן נאָך דער באַפרייאונג פון וואַרשע האָט ער נאָך נישט געוווּסט, אַז ער איז פריי...

אין אונדזער ווינקל פירט זיך אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע.

— היטלער האָט געזאָגט, — רופט זיך אָפּ אַן אַרבעטער — אַז וואַרשע וועט אָפּגעמעקט ווערן אויף אייביק, אַז זי וועט קיינמאָל מער נישט עקזיסטירן. ער האָט זי טאַקע אָפּגעמעקט, אָבער עקזיסטירן וועט זי און וועט נאָך זיין שענער און גרעסער ווי פריער...

אַ יונגער סאָוויעטישער אָפיציר דערציילט וועגן די באַרבאַרייען פון די נאַציס אינעם טייל פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זיי האָבן אָקופּירט:

— פון סטאַלינגראַד ביז דער פּוילישער גרענעץ האָב איך באַגעגנט בלויז רואינען. אונדזער ערד איז אַדורכגעווייקט מיט טייכן אומשולדיק בלוט... יאָ, מיר פאַרשטייען אייער ווייטיק. אונדזער קאַמף איז אַ געמיינזאַמער... חבר סטאַלין האָט אונדז געשטעלט אַלס אויפגאַבע נישט בלויז צו באַפרייען אונדזער סאָוויעטישע טעריטאָריע, נאָר אויך העלפן באַפרייען די פעלקער פון אַנדערע לענדער, וואָס שמאַכטן אונטערן היטלעריזם. פּוילן וועט איצט זיין פריי און אומאָפּהענגיק. — גיט ער צו.

— דאָס וועט שוין מער נישט זיין דאָס פּוילן פון די פּאַנעס, פון דער סאַנאַציע, פון די בעקס — באַמערקט מיט איבערצייגונג אַ פּוילישער סאָלדאַט — אָט זעט, וואָס עס זאָגט אונדזער נייע רעגירונג...

ער ציט אַרויס פון זיין רוקזאַק אַ בלעטל אין דער פּוילישער שפּראַך און זעצט איבער זאַץ נאָך זאַץ אויף רוסיש פאַרן סאָוויעטישן אָפיציר. כ׳בייג זיך עטוואָס צו און לייען: „מאַניפעסט פון 22־טן יולי״. מיין בליק פאַלט אויף די ווערטער:

„דאָס אויפבויען די פּוילישע מלוכהשאַפט באַזירט זיך אויף דעם אומקער פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, אויף דער גלייכהייט פון אַלע בירגער, אָן אונטערשיד פון ראַסע, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט. פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן קענען נישט געניסן די שונאים פון דעמאָקראַטיע. פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס וועלן ווערן אויסגעראָטן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון געזעץ״.

קאַפּיטל 7

דער שונא לויערט...

איך האָב זיי באַגעגנט אומעטום בעת מיין פינף־וואָכיקן אויפ־האַלט אין פוילן. זיי האָבן אונדז אויפגעזוכט, איינגעלאַדן צו זיך, „אויפגעקלערט", „אינפאָרמירט", דערציילט „סודות" און צום סוף געזאָגט צו אונדז, פראַנצויזשע קריגס־געפאַנגענע:

— אויב איר וועט האָבן אַמאָל דאָס גליק צוריקצוזען די פראַנ־צויזישע ערד, פאַרגעסט נישט איבערצוגעבן דאָרט וועגן אונדזער שרעקלעכער לאַגע דאָ. זאָל די וועלט וויסן...

ווייל לויט זיי — און געוועזן זענען דאָס טוער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" און פאַרביסענע אָנהענגער פון דער לאָנדאָנער עמיג־ראַנטן־רעגירונג — לויט זיי, זיינען אונדזערע שאַנסן צוריקצוקו־מען קיין פראַנקרייך געווען גאָר, גאָר מינימאַלע...

— איר גלייבט נאָך, אַז זיי, די באָלשעוויקעס, וועלן אייך לאָזן פאָרן אַהיים?... — האָבן זיי צוגעגעבן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַלס אויסדרוק פון מיטגעפיל און גלייכצייטיק פון דערשטוינטקייט צוליב אונדזער „נאַאיווקייט" — איר וועט קיין לעבעדיקע פון זיי־ערע הענט נישט אַרויסגיין. אין בעסטן פאַל, וועט איר פאַרשיקט ווערן אויפן גאַנצן לעבן קיין סיביר... איר קענט זיי נאָכנישט, די רוסן...

אויפן ערשטן האָב איך זיך אָנגעשטויסן גלייך נאָכן איבער־טרעטן די מזרח־פּרייסיש־פּוילישע גרענעץ. געווען איז עס אין מ ל אַ ו ע . אַ פּוילישע אַרבעטער־פרוי האָט אונדז איבערגעגעבן וועגן די גרוילטאַטן, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן פאַרן אַנט־לויפן. זיי האָבן דערמאָרדעט זיבן טויזנט פּאָליאַקן און געפּלאַנט איוסצוהרגענען אַלע אַנדערע, ביזן לעצטן:

— אין דער דייטשער קאָמענדאַנטור — האָט זי ווידער דער־ציילט — האָט מען געפונען אַ באַפעל פון דער געשטאַפּאָ צונויפ־צוזאַמלען אַלע פּאָלאַקן, מענער, פרויען און קינדער, און זיי אויס־צושיסן אין דערבייאיקן וואַלד. דאָס איז געווען באַשטימט אויף זונטיק, און 600 ס.ס.־אָוצעס זענען געווען צו דעם מאָביליזירט. די רויטע אַרמיי איז אָבער אַריין אין שטאָט שבת, און אַזוי אַרום זענען מיר געבליבן לעבן. מיר ווייסן באמת נישט וויפל מיר האָבן זיי צו פאַרדאַנקען, די רויט־אַרמייער...

עס גייט אַדורך אַ פרוי, איינגעהילט אין אַ שאַל, מיט אַ פּאָר אָנגעשוואָלענע אויגן, וואָס קוקן אייך אָן און זעען אייך נישט.

— דאָס איז אַ יידישע פרוי — קלערט אונדז אויף אונדזער מיטשמועסערין. — זי האָט זיך די לעצטע צוויי יאָר אויסבאַהאַלטן ביי אונדזערע שכנים. נאָך דער באַפרייאונג האָט זי זיך דערוווסט, אַז איר מאַן און אירע דריי קינדער זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן, איז זי אַראָפּ פון זינען. זי בלאָנקעט אַרום גאַנצע טעג, רעדט מיט קיינעם נישט, עסט נישט...

אין דעם מאָמענט האָט זיך צו אונדז דערנעענטערט אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, עלעגאַנט אָנגעטאָן, און האָט מיט אַ ליבנסווירדיקן שמייכל אונדז פאַרבעטן צו זיך:

„קומט אַ ביסל אַריין צו מיר — האָט ער געזאָגט אין אַ קאָרעקטן פראַנצויזיש — ווילן מיר עפּעס אויסטרינקען".

— איין נס, — האָט ער אונדז דערקלערט, ווען מיר זענען גע־ווען ביי אים — איין נס, וואָס עס עקזיסטירן נאָך ענגלאַנד און

אַמעריקע, אַז נישט וואָלט מען גאָרנישט געהאַט נאָך וואָס צו לעבן...
מיר האָבן געזען די דייטשע אָקופּאַציע, אָבער די איצטיקע (און
דאָ האָט ער גענומען אַ שטילן, פאַרטרווילעכן טאָן), די פון די
רוסן, איז אַ פיל שרעקלעכערע...

— וואָס טוען זיי דען אייך, די רוסן? — האָבן זיך די פראַנצויזן
אָנגערופן, דערשטוינטע.

— וואָס זיי טוען?... פרעגט שוין גאָרנישט! מען קען דען מיט
זיי לעבן? איר ווייסט נישט ווער עס פירט מיט זיי אָן? י י ד ן...
די דייטשן האָבן אונדז טאַקע נישט זייער ליב געהאַט, זיי האָבן
אונדז אָבער פון די יידן באַפרייט, און איצט ווילן ז י י אונדז
צוריקברענגען די יידן...

אין צימער קומט אַריין אַ מיטליאָריקע פרוי. דער „גאַסטגעבער״
באַקענט אונדז מיט איר:

— דאָס איז מיינס אַ פריינדין, אַ קרבן פון דער יידיש־קאָמו־
ניסטישער הערשאַפט...

די פרוי זיפצט אָפּ און דערציילט אונדז איר אומגליק:

— שטעלט אייך פאָר, וואָס זיי האָבן פון מיר געמאַכט. איך האָב
געהאַט אַ גוט פון זעקס הונדערט העקטאַר. עס האָבן ביי מיר
געאַרבעט צענדליקער פאַמיליעס. האָבן זיי מיר צוגענומען מיין
ערד און זי צעטיילט דעם פעבל. און איצט געפין איך זיך אויפן
ברוק...

— און אייך האָבן זיי גאָרנישט געלאָזן?

— הערט נאָר אויס! 10 העקטאַר האָבן זיי מיר געוואָלט געבן!
פרעג איך אייך, ווי אַזוי קען מען דאָס לעבן מיט 10 העקטאַר?...
זענען מיר דאָך שוין ביי די דייטשן געווען גליקלעך!

— ניין! — האָט דער מאַן אויסגערופן — אונדזערע פריינט אין
ענגלאַנד קענען דערצו נישט דערלאָזן! אַזוי קען עס נישט אָנ־

האַלטן... אויב איר וועט זיך באַווייזן צו ראַטעווען פון די קאָמו־ניסטן און יידן, דערציילט עס ביי אייך, ווי אַזוי מיר ליידן דאָ, און זאָל די וועלט וויסן!...

●

— אַז מען איז מיטן לעבן גאָרנישט זיכער! — האָט אונדז אין וואַרשע דערציילט אַ הויכער אָנגעשטעלטער פון סאַנאַציע־פוילן — הערט אַ געשיכטע: איך בין פאַרן קריג געווען דירעקטאָר פון אַ וואָיעוואָדישער פּאָסט־אָפּטיילונג. בעת דער מלחמה האָב איך זיך אַן עצה געגעבן... איר פאַרשטייט, מיט די דייטשן האָט מען געקענט אַדורכקומען... פּאָרט ציוויליזירטע מענטשן. קומען יענע וואָך אַריין צו מיר צוויי סאָלדאַטן, אמת, פּוילישע, אָבער ז יי ע ר ע, מיט קוילנוואַרפער, און צווינגען מיך צוריקצוגיין איבערנעמען מיין פּאָסטן. אַזאַ סקאַנדאַל! און אַז איך וויל נישט אַרבעטן, קענען זיי מיך דען צווינגען?

— גוט — באַמערקן מיר אים פאַרזיכטיק — אָבער עס איז דאָך מלחמה, און ביי אונדז אין פראַנקרייך זענען מיטן אָנהייב פון קריג די מלוכה־באַאַמטע אויך מאָביליזירט געוואָרן, בפרט אַז איר זענט נאָך יונג...

— איך בין אַלט 42 יאָר. איך וויל אָבער נישט אַרבעטן פאַר ז י י ! איר קענט זיין זיכער, אַז איך טו אַלץ, כדי צו סאַבאָטירן די אַרבעט... איך האָב באַקאַנטע ביי די אייזנבאַנען, מאַכן זיי אויך אַלץ, אַז עס זאָל גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ... זאָל די וועלט זען, צו וואָס פאַר אַ ווירטשאַפט די באָלשעוויקעס זענען פעאיק...

●

ווען מיר האָבן געטראָפן די פּוילישע סטודענטקע באַשאַ, אויף ליובאַרטאָווסקע גאַס, אין לובלין, איז זי געווען איינגאַנצן אַ פאַר־ווייִנטע:

— שטעלט זיך פאָר — האָט זי מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע געזאָגט — זיי האָבן אַרעסטירט מיין פאָטער!

— פאַרוואָס — פרעג איך — האָבן זיי עס געטאָן?

— פאַרוואָס? פאַר גאָרנישט! זיי באַשולדיקן אים, אַז ער איז אַ פירער פון אונדזער פאַטריאָטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט „אַרמיאַ קראַיאָוואַ“...

— דאָס האָבן זיכער געמאַכט די יידן... — רופט זיך אירס אַ חברטע צו איר אָן אין פויליש, זייענדיק זיכער, אַז מיר, פראַנ־צויזן, פאַרשטייען נישט די דאָזיקע שפּראַך — דיין פאָטער האָט דאָך צוגעהאָלפן ביי די דייטשן אויסצוגעפינען די באַהאַלטענע זשידעס...

איך פיל, אַז דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים. כ'באַמי זיך אָבער צו באַהערשן, כדי צו קענען פאָרזעצן מיין דיסקרעטע אַנקעטע:

— און וואָס רעכנט איר, — פרעג איך די סטודענטקע — וועלן זיי טאָן מיט אייער פאָטער?

— מיט ז י י איז גאָרנישט דאָ וואָס צו מאַכן. ביי די דייטשן האָט מען זיך נאָך געקענט אויסקויפן פאַר געלט... נאָר זיי, די באָלשעוויקעס, די פוילישע ווי די רוסישע, איר זאָלט זיי אַפילו אַוועקלייגן אַ פולע שטוב מיט גאָלד, וועט איר גאָרנישט קענען אויפטאָן!...

●

— איר פאַרשטייט — פאַרטרויט זיך פאַר מיר אַ פוילישער יונ־גערמאַן, מיט וועמען כ'האָב געשלאָסן באַקאַנטשאַפט אין רעסטאָ־ראַן אויף דער 3־טער מאַי־גאַס אין לובלין — דאָס שטודירן ליגט מיר איצט נישט אין קאָפּ... די פּראָפעסאָרן און דער גרעסטער טייל סטודענטן זענען פאַרקויפט צו די קאָמוניסטן. איך האָב זיך בלויז פאַרשריבן אויפן אוניווערסיטעט, כדי נישט צו דאַרפן גיין אין דער אַרמיי אַריין. מיר האָבן נישט גערן די דייטשן, אָבער דער שונא נומער 1 איז רוסלאַנד. וואַרט נאָך אַ ביסל. זאָל ווערן פרי־לינג, און איר וועט זען, ווי מיר וועלן אַוועק אין די וועלדער...

געווער איז דאָ גענוג. עס קומט פון ענגלאַנד. מען האָט אויך פון די דייטשן...

— יאָ, אָבער אין יאַלטאַ איז דאָך געקומען צו אַ הסכם וועגן פוילן.

— איר גלייבט אויך אין די באָבע־מעשיות? איך קען אייך בלויז אויסזאָגן אַ סוד, אַז עס קומען צו אונדז כסדר אָן אינסטרוקציעס פון אונדזער אמתער רעגירונג, די פון לאָנדאָן, אַז מיר זאָלן פאַרשטאַרקן דעם קאַמף, ווייל אינגיכן וועט גאַנץ אייראָפּע מיט אונדז קעמפן קעגן באָלשעוויזם...

•

עטלעכע טעג שפּעטער אין דער זעלבער שטאָט. ווען איך בין מיטאָג־צייט צוריקגעגאַנגען צום פּראָנצויזישן זאַמל־פּונקט אויף ליפּאָווע 7, האָב איך בייגעוווינט פאָלגנדיקע סצענע:

פון גרויסן הויז ביים עק גאַס איז מיט שנעלע טריט אַרויס אַ מאַן אין אַ גראָען מאַנטל, מיט די הענט אין די טאַשן. אַ פּאָר סעקונדעס שפּעטער זענען פון הויז אַרויסגעלאָפן עטלעכע פּוילישע מיידלעך מיט אַ געשריי:

— אָט דער מאַן האָט געשאָסן אויפן דירעקטאָר פון אונדזער שולע!

צוויי פאַרבייגייענדיקע פּוילישע סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן נאָכיאָגן דעם טעראָריסט. ווען זיי זענען שוין געווען לעבן אים, האָט ער זיך פּלוצלונג געגעבן אַ דריי אויס צו זיי, אַרויסנעמענדיק גלייכצייטיק די הענט פון די טאַשן מיט — צוויי אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן. עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאָסן. איין סאָלדאַט איז געפאַלן טויט און דער צווייטער פאַרוווּנדעט. דער מערדער איז גיך אַריין אינעם דערבייאיקן בית־עולם, באַוויזנדיק נאָך צו פאַרוווּנדן אַ דריטן סאָלדאַט, וואָס האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן.

די בלאַסע מערץ־זון האָט ווי פאַרחידושט באַטראַכט די דריי אין בלוט אָפּגייענדיקע זעלנער. פוילישע פרויען האָבן שטיל גע־וויינט:

— מאָרדן אונדזערע סאָלדאַטן!... און דאָס האַלט זיך נאָך פאַר פּאַטריאָטן!

●

די פוילישע דעמאָקראַטישע רעגירונג און די פוילישע אַרבעטנ־דיקע האָבן פון ערשטן טאָג אָן געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן אָט די פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע באַנדעס, וואָס האָבן גע־האַלטן אין אַלץ מער פאַרלירן זייער מאַסן־באַזע. אָבער ווי אויפ־געציטערט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, צוריק־קומענדיק קיין פראַנקרייך, אַז עס געפינען זיך אַזעלכע ייִדן, אַזעל־כע ייִדישע צייטונגען און גרופּירונגען, וואָס וואַגן צו באַשמוצן די פוילישע דעמאָקראַטיע און אין דער זעלבער צייַט צו שטיצן און פאַרטיידיקן די פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע קליקע פון לאָנדאָן, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון הונדערטער טויזענטער פוילישע פאַטריאָטן, פון הונדערטער טויזנטער ייִדן.

קאַפּיטל 8

אויף אַ יידישער קולטור־אונטערנעמונג

דער גרויסער זאַל פונעם „פּרץ־הויז" אין לובלין איז איבער־געפּראַפּט מיט אַן אייגנאַרטיקן עולם. דאָס האָט דער טראַגישער גורל זיי דאָ צונויפגעבראַכט פון אַלע עקן פּוילן, פון פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע. יעדער איינער — אַ וועלט מיט ליידן, יע־דער איינער — אַ לעבן־געבליבענער עדות קעגן דער בלוט־דורשטיקסטער אכזריות פון אַלע צייטן. אָט זענען זיי דאָ צו איין, זעלטן, צו צוויי פאַרבליבענע פון אַ גאַנצער פאַמיליע, אָפט פון אַ גאַנצן יידישן קיבוץ. איר באַמערקט דאָ ניצול־געוואָרענע פרויען פון אוישוויץ, בלייכע, צעבראָכענע; עט־לעכע יונגעלייט פון ליטע; אויסגעמוטשעטע יידישע מיידלעך פון טשעכיע, פון רומעניע, פון אונגאַרן; גריכישע יידישע יינגלעך אין זייערע געשטרייפטע קאַטאָרגע־בגדים; פאַרהאַרטעוועטע פּנימער פון פאַרטיזאַנער; באַפרייטע יידיש־פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגע־נע; יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער דעמאָקראַטישער פּוי־לישער אַרמיי.

אָט איז אַ גרופּע יידישע קינדער פון מאַידאַנעק, די איינציקע אָפּגעראַטעוועטע, ווייל אין לעצטן מאָמענט האָט אַ רויט־אַרמיי־אישער טאַנק אָפּגעשניטן דעם וועג פאַרן דייטשן לאַסט־אויטאָ,

וואָס האָט זיי געפירט צו דער שחיטה. אָבער נישט בלויז די דאָזיקע קינדער; אַלע דאָ האָבן צו פאַרדאַנקען זייער לעבן דער סאָוועטי־שער אַרמיי, אַלעמען האָט זי אַרויסגעריסן פון די היטלערישע מלאך־המוות־נעגל. און אַלעמענס הערצער זענען פול מיט דאַנק־באַרקייט פאַר אָט דער העלדישער, באַפרייערישער אַרמיי — אונדזער רעטערין און נקמה־נעמערין.

●

היינט איז דאָ אַ יידישע קולטור־אונטערנעמונג.

אויף דער בינע שטייט אַ יידישע אַרטיסטין. זי זינגט און רעצ־יטירט; און איבערן זאַל גייט דורך אַ הייליקער ציטער. די מחיצה צווישן אַרטיסט און פובליקום פאַרשווינדט. לאַנד־גרענעצן ווערן אָפּגעווישט. דורות גאַנצע גיבן זיך די הענט. די אומגעקומענע קדושים און די געפייניקטע, איבער וועמען דער טויט האָט נישט געהאַט קיין שליטה; די געפאַלענע קעמפער און די, וואָס זענען פאַר דעם קאַמף; די פאַרברענטע טאַטעס און זיידעס, און די לעבן־געבליבענע קינדער און אייניקלעך, — אַלע געפינען זיי זיך דאָ. נאָך לויערט דער טויט, און שוין הערט זיך דער אָנזאָג צום לעבן. אין די אויגן פון די לעגענדאַרע, שרעקלאָזע פאַרטיזאַנער־העלדן פינקלען טרערן. די אויסגעצערטע, דורכזיכטיקע הענט פון די פאַרמאַטערטע פרויען ביילן זיך אין פויסטן. די בלייכע פנימלעך פון די קינדער פאַרויטלען זיך. און איבער אַלעמען שוועבט דאָס וואָרט, דאָס ליד, וואָס וויינט און טרייסט, וואָס איז פול מיט צער און מיט רוף צו נקמה.

נישט פאַראַן דאָ מער קיין יחידים, קיין אָפּגעבראָכענע, צע־טראָטענע צווייגעלעך; עס איז איין גרויסע משפחה, וועמען די ליידן, דער ווײ און דער קאַמף האָבן צוזאַמענגעבראַכט און צו־נויפגעשמידט. עס איז דער ערשטער באַשיידענער אָנדייט פון אַ צעפייניקט פאָלק, וואָס נעמט פאַרבינדן זיינע נאָך אײטער־

דיקע ווונדן און וואָס וועט, נישט געקוקט אויף די שוידערלעכע קלעפּ, צוריק אויפלעבן, צוריק נעמען שאַפן און בויען.

דאָס איז געווען אין חודש מערץ 1945 אין לובלין. דאָס איז געווען איינע פון די ערשטע יידישע קולטור־אונטערנעמונגען אין באַפרייטן פוילן.

ק אַ פּ י ט ל 9

מיט יידישע יתומים

איך האָב זיי באַגעגנט — אין מערץ 1945 — ביים אַריינגאַנג פון יתומים־הויז אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט 60, אין לובלין. מיט העפטן און ביכלעך אונטערן אָרעם האָבן זיי זיך, צו גרופּעס פון פינף און זעקס, אומגעקערט פון שול „אַהיים". בלאַסע, איינדרוקס־פולע פּנימלעך פון יידישע יינגלעך, חנוודיקע יידישע מיידעלעך, אָנגעטאָן ריין און באַשיידן. און ביי אַלעמען — אויגן, נישט צום פאַרגעסן. אויגן גרויסע, ברייט־צעעפנטע, ברוינע, בלאָע, שוואַר־צע; אויגן, וואָס דריקן אויס אַ וועלט מיט צער, מיט איבערלעבונ־גען, מיט דערשטוינונג און פאַרשטאַנד. דאָס זענען קינדער פון פאַרשידענעם עלטער. אָבער ווי אַנדערש זענען זיי פון אַנדערע, „נאָרמאַלע" קינדער. עס הערט זיך נישט דאָס זאָרגלאָזע, גלעקל־דיקע קינדערשע געלעכטער, דאָס לויפן פון יונגע קינדערשע. פיס־לעך. זייערע שריט זענען ווי געהאַמעוועט, זייערע שטימעס גע־דעמפּט, פון זייער בליק זענען נאָכנישט פאַרשווונדן די שפּורן פון טרויער, שרעק, איינגעשפּאַרטקייט און אומצוטרוי.

ניין, זייערע קינדער־טעג זענען נישט באַשמייכלט געוואָרן דורך די וואַרעמע זון־שטראַלן; חדשים־לאַנג האָט דער טאָג נישט אַריינ־געבליקט אין די פינצטערע נאָרעס, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן

פּאָר דער ליכטיקער שיין. אין די אָונטן האָבן זיי נישט געהערט זייערע מאַמעס זיי איינוויגן מיט אַ האַרציק פּאָלקס־לידל; זיי האָבן אין די אָונטן געהערט די יללות פון זייערע מאַמעס, גע־מאָרדעטע דורך די רוצחים. אין די נעכט האָבן זיך זיי נישט גע־חלומט קיין גוטע מלאכים; זייערע נעכט זענען פול געווען מיט בייזע קאָשמאַרן פון ס.ס.־באַנדיטן, וואָס הרגענען זייערע טאַטעס; פון קרעמאַטאָריע־אויוונס, ווו עס ברענען זייערע מאַמעס; פון תליות, ווו עס הענגען זייערע ברידער. זיי געדענקען נישט די אומשולדיקע קינדערשע שפילן אין „לאָגענישן", אין „באַהעלטע־נישן", אין „גזלנים"; זייערע קינדערשע יאָרן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַגישער שפיל, אין אַ סכנותפולן אויסבאַהאַלטן זיך פון די נאַצישע באַנדעס, אין אַן אימהדיק געיעג אויף לעבן און אויף טויט.

●

— איר ווילט זען אונדזער פאַרוואַלטערין און מיט איר רעדן? — פרעגן מיך די קינדער, ווען איך געפין זיך אַביסל שפּעטער אַרומגערינגלט פון זיי אינעם גרויסן עס־צימער פון יתומים־הויז.

— ניין, דאָס וועל איך שפּעטער טאָן. דערווייל וויל איך זיך מיט אייך דורכשמועסן. איך וויל איר זאָלט מיר דערציילן וועגן זיך.

און די קינדער נעמען דערציילן:

אָלאַ אָפּענהיים איז אַ באַחנט מיידעלע פון 11 יאָר, מיט אַ קאָפּ שיינע קאַשטאַן־האָר און אַ פּאָר קלוגע, ברוינע אויגן.

— אַ גאַנץ בוך וואָלט מען געקענט פון מיר באַשרייבן — הייבט זי אָן מיט אַ טרויעריקן שמייכל פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן — צען מאָל האָבן זיי מיך געפירט צו דער שחיטה...

„מיין טאַטע איז געווען אַ טאַפּעצירער. איך האָב אויך געהאַט אַ ברודערל און אַ שוועסטערל. האָט מען אונדז אוועקגעפירט אין

געטאָ פון בודזין אין 42־טן יאָר. דאָרט זענען מיר געבליבן צוויי חדשים. דערנאָך האָט מען אונדז געברענגט קיין מאַידאַנעק. האָט מען דאָרט גלייך פון אַכציק קינדער געהרגעט אַכט־און־זעכציק. מיך האָבן די ס.ס. אויך געוואָלט הרגענען, מיט אַ האַק. בין איך אַנט־לאָפן. דעם טאַטן מיטן ברודערל און שוועסטערל האָט מען דער־הרגעט. האָב איך זיך אַרויסגעקריגן דורך די דראָטן און מיט אַן אַנדער מיידעלע זיך באַהאַלטן צוויי חדשים אויף אַ בוידעם. מיר האָבן זיך נישט געוואַשן און מיר זענען געווען קראַנק. האָט מען אונדז געכאַפּט און געשלעפּט שיסן. האָב איך זיך אַרויסגעריסן. דאָס מיידעלע האָט מען דערהרגעט און איך בין אַוועק קיין בודזין. דאָרט בין איך שוין געווען מיט איין פוס אויף יענער וועלט. אַלע קינדער האָט מען געפירט צו דער שחיטה. האָב איך זיך געגעבן אַ ריס אַרויס פון די הענט פון דייטש. האָבן זיי מיר נאָכגעשאָסן, בין איך אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און זיך געמאַכט טויט. ביינאַכט בין איך צוריק־געלאָפן אין געטאָ. דערווייל איז געקומען אַ טראַנס־פּאָרט פון וואַרשע. מען האָט געמאַכט אַ סעלעקציע און אַלע קינ־דער געפירט הרגענען, און אויך עלטערע. האָט מען דריי טויזנט געהייסן זיך אַריינלייגן אין די גריבער און זיי געשאָסן. איך האָב אויך געמיינט, אַז כ׳בין שוין טויט, אָבער איך בין געווען פון אונטן און ביינאַכט בין איך אַרויסגעקראָכן פון גרוב. האָט מען מיך ווייטער געכאַפּט און געפירט קיין בעלטשיץ. דאָרט האָט מען געהאַנגען רוסישע קריגס־געפאַנגענע און אַלע קינדער האָט מען אַרויסגעטריבן קוקן. און דער מערדער פייגס האָט אונדז געזאָגט: „היינט זיי, און מאָרגן וועט מען מיט אייך, פאַרפלוכטע קינדער, אַזוי מאַכן!“.

„כ׳בין ווייטער אַנטלאָפן. דערנאָך האָט מען מיך געפירט קיין מאַידאַנעק. האָט מען די קינדער גענומען אין איין זייט און די ס.ס. האָבן זיי געשאָסן. איז געווען אַ גרויס געוויין. האָט איין ס.ס. געזאָגט: „גענוג אויף היינט“. זענען מיר נאָך, אַביסל קינדער, גע־

בליבן לעבן. ביינאַכט בין איך אַרויסגעלאָפן פון לאַגער. האָט מען מיר נאָכגעשאָסן און מען האָט נישט געטראָפן. בין איך אַוועק אין פעלד און זיך געלייגט שלאָפן. הער איך פאַרטאָג, ווי איין מאַן זאָגט צום צווייטן: „נאָך אַ יידיש קינד, גיי ברענג די האַק״. האָב איך זיך געמאַכט שלאָפן און ווען יענער האָט זיך דערווייטערט, האָב איך זיך אַוועקגעשאַרט און בין אַריין אין אַ גאָרטן. פון דאָרט בין איך אַוועק צו אַ פּאָלאַק, וואָס איז געווען זייער גוט צו מיר. איך האָב ביי אים געאַרבעט, ביז די סאָוויעטן האָבן אונדז באַפרייט״.

●

כעמיע גורפינקל איז אַלט 12 יאָר. ער זעט אויס עלטער. פון זיינע הענטלעך זענען נאָכנישט פאַרשווונדן די מאָזאָליעס פון די שווערע אַרבעטן אין די לאַגערן.

— מיין טאַטע איז געווען אַ שניידער. מיר זענען פון וואַרשע. אין צייט פון קריג האָבן מיר געוווינט אין דעמבלין. די דייטשן האָבן צוגענומען די עלטערן און מיינע צוויי שוועסטער האָבן זיי פאַרשיקט קיין דייטשלאַנד. איך ווייס פון זיי גאָרנישט. זיי האָבן געהרגעט אַלע קליינע קינדער. האָב איך געזאָגט, אַז כ׳בין מיט פיר יאָר עלטער. האָט מען מיך אַוועקגעשיקט קיין טשענסטאָכאָוו אַרבעטן. איך האָב געטראָגן זעק צעמענט, געאַרבעט אין אַן אַמו־ניציע־פאַבריק פון זיבן אינדערפרי ביז זיבן אויף דער נאַכט, אָדער פון זיבן אויף דער נאַכט ביז זיבן אינדערפרי. איך האָב קיינמאָל די ליכטיקע שיין נישט אָנגעקוקט. מען האָט מיך פיל געשלאָגן. ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנעענטערט, איז געוואָרן אַ מהומה צווישן די דייטשן. „מיר זענען דאָך געווען אַזוי גוט צו אייך״ — האָבן אונדז די רשעים געזאָגט. אין לעצטן טאָג האָט זיך אויפן טורעם אַרומגעדרייט אַן אוקראַינער, אַ „וולאַסאָוויעץ״, און גע־

האַלטן וואַך. האָט אים אַ לאַדזשער ייִנגל אַראָפּגעשליידערט פון אויבן און ער איז געהרגעט געוואָרן.

●

כאַסקל שנעלעצקי, 10 יאָר אַלט, פון קאַלושין:

— דעם טאַטן מיט דער מאַמען און די שוועסטער האָבן די דייטשן אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. איך מיט מיין עלטערן ברו־דער זענען אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. איינמאָל האָבן אונדז די זשאַנדאַרמען געכאַפּט, געבונדן מיט שטריק און אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן און געוואָלט אַוועקפירן. האָט מיין ברודער אַזוי לאַנג גע־אַרבעט, ביז ער האָט מיך אויפגעבונדן. דערנאָך האָט ער מיך אויפ־געבונדן און מיר זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, ווען מיר זע־נען דורכגעפאָרן דורך אַ וואַלד. ביינאַכט האָט מען זיך באַהאַלטן אין אַ שטאַל ביי די בהמות. פון דאָרט זענען מיר אַנטלאָפן צו די פאַרטיזאַנער, ווו אונדז איז שוין געווען גוט. מיין ברודער האָט געהאָט געווער.

●

סאַבינע קליינמאַן פון זאַקשיוועק, אַ באַטעמט בלאָנד מיידעלע, איז אַלט פיר און אַ האַלב יאָר. מען האָט זי געבראַכט פון מאַידאַ־נעק, ווו אירע עלטערן זענען אומגעקומען. זי זינגט יידישע לידער. זי געדענקט נאָך אויך איר מוטער.

„די דייטשן, זאָגט זי, זענען נישט גוט — זיי האָבן דערהרגעט מיין מאַמעשי".

●

אַלטער מעקלער פון סאַנדאָמיר איז אַלט פופצן יאָר. ער איז איינער פון די זעלטענע גליקלעכע קינדער דאָ, ווייל ער האָט מיט זיך זיין שוועסטערל שפרה, אַ זייער שיין, 10־יאָריק מיידעלע.

די עלטערן זייערע זענען דערהרגעט געוואָרן אין מאַידאַנעק. זיי האָבן אויך פאַרלוירן צוויי שוועסטער און צוויי ברידער אין

סאַנדאָמיר. פון 1942 האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן מיט אַ פעטער אין אַ שטאַל ביי אַ פויער. זיי האָבן שטענדיק געהונגערט. איינמאַל זענען אָנגעקומען 17 אוקראַינישע פּאָליציאַנטן מיט 17 פערד. די פערד האָבן כסדר געטראָטן אויף זייער גרוב. אויף זייערע קערפּערס האָט זיך געשאָטן מיסט און זיי זענען שיר־נישט דערטרונקען געוואָרן אין אומריינקייט. דאָס האָט אַזוי געדויערט צוויי טעג און צוויי נעכט. איינמאַל זענען אַריינגעקומען געשטאַפּאָ־לייט און גע־נומען זוכן. די קינדער זענען ארויפגעלאָפן אויפן בוידעם, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון דאַך און זענען אַנטלאָפן. דערנאָך זענען זיי צוריקגעקומען אין זייער גרוב, ווו זיי האָבן זיך שוין דערוואַרט אויפן אָנקום פון דער רויטער אַרמיי.

ווען די רויט־אַרמייער האָבן געזען אין וואָס פאַר אַ מעמד די קינדער געפינען זיך, האָבן זיי געוויינט. אַלטער האָט געזאָגט: „יאַ יעוורעי" (כ׳בין אַ ייד). צווישן די רויט־אַרמייער האָט זיך געפונען אַן אָפיציר, וואָס האָט די קינדער גלייך געגעבן צו עסן און צו טרינקען.

— מיטאַמאָל — דערציילט אַלטער — האָבן מיר דערזען דורכ־פירן דייטשע געפאַנגענע. האָב איך דערקענט איינעם אַ דייטש, וואָס האָט געפייניקט יידן אין סאַנדאָמיר. האָב איך עס געזאָגט דעם אָפיציר, וואָס האָט אים געבראַכט צו שלעפן ביז צו אונדזער גרוב. „פאַרפלוכטער הונט — האָט ער צו אים געזאָגט — וועסט באַצאָלן פאַר דעם, וואָס איר האָט געטאָן מיט די דאָזיקע אומשול־דיקע קינדער". ער האָט אים דערשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין גרוב.

●

יוסף שאַפּיראָ, פופצן יאָר. ער איז פון וואַרשע. זיינע עלטערן, צוויי ברידער און דריי שוועסטער האָבן די דייטשן אָוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. בלויז אים אַליין איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון

די באַנדיטישע הענט. ער האָט געוואַנדערט איבער די דערפער, ווו געטאָגט דאָרט נישט גענעכטיקט. פּוילישע פּויערן האָבן אים געגעבן פון צייט צו צייט עפּעס צו עסן און געלאָזט איבערשלאָפן אַ נאַכט, כאָטש דאָס איז געווען פאַרבינדן פאַר זיי מיט לעבנס־געפאַר.

ער איז צוריקגעקומען דערנאָך קיין וואַרשע, ווו ער האָט אָנ־טייל־גענומען אינעם אויפשטאַנד פון געטאָ.

— ווען דער געטאָ איז שוין געווען — דערציילט ער — פול מיט ס.ס. און דייטשע טאַנקען, האָבן זיך אין הויז, ווו כ׳האָב זיך אויסבאַהאַלטן, געפונען דרייצן יידן, וואָס האָבן געשאָסן אויף די נאַציס פון די דעכער. די פרויען און קינדער האָבן זיך געפונען אין אַ בונקער, אונטערן הויז. מיט איינמאָל האָבן די ס.ס.־לייט זיך דערנעענטערט צום הויז און געשריגן, אַז די יידן זאָלן אַרויסגיין און זיך אונטערגעבן. די יידן האָבן געוואָרפן גורל. ניין זענען אַרויס און פיר זענען געבליבן. די געבליבענע פיר האָבן זיך אָנ־געטאָן מיט דינאַמיט און גראַנאַטן און זענען פון דאַך אַראָפּגע־שפּרונגען אויף די דייטשן. די פיר יידן זענען דערהרגעט געוואָרן, אָבער ביי די דייטשן איז געווען אַ סך מער טויטע. די אַנדערע ניין יידן האָבן דאַן אַרויסגעראַטעוועט די פרויען און קינדער און זענען אַנטלאָפן, פּרוּווּנדיק זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ. וויפל פון זיי דאָס איז געלונגען, ווייסט נישט יוסף. נאָך עטלעכע טעג אַרומ־בלאָנדזשען איבער די געטאָ־חורבות, האָט ער זיך אַרויסגעקריגן פון וואַרשע. ער איז אַוועק קיין ראַדזימין, ווו אַ פּויער האָט אים אויסבאַהאַלטן.

●

ל ײ ב ל פּ ר אָ ס ט (יאַראָטשין), פערצן יאָר. אין 1942 האָבן די דייטשן דערהרגעט זיין פאָטער. ער ווייסט נישט, וואָס עס איז געוואָרן פון זיין ברודער און פון זיינע צוויי שוועסטער. ער אַליין

האָט געאַרבעט ביי פויערן אַלס פויליש יינגל. מען האָט אים אָבער געמסרט. אין 1943 איז ער אַנטלאָפן אין די וועלדער, 45 קילאָמעטער פון זיין געבוירן־שטאָט, ווו עס האָבן זיך געפונען צוויי הונדערט יידן. די פאַרטיזאַנער האָבן זיי פיל געהאָלפן. דאָרט זענען זיי פאַרבליבן ביז דער באַפרייאונג.

●

בלויז אַכט יאָר איז אַלט י ע ר ע מ י ע אַ ר ב ו ז, פון בעלזשיץ. ער איז זייער אינטעליגענט און געדענקט גוט אַלץ, וואָס עס איז מיט אים פאָרגעקומען. אין 1942 האָבן די דייטשן אַוועקפירט זיין פאַמיליע צוזאַמען מיט אַנדערע יידן פון בעלזשיץ קיין בודזין. דריי שוועסטער זיינע, דריי קוזינען און אַ פעטער זענען דאָרט אומגעקומען. „בין איך מיט מיין טאַטעשי און מאַמעשי אַוועק קיין מאַידאַנעק. האָבן די דייטשן דערהרגעט דעם טאַטעשי און די מאַמעשי".

ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנעענטערט, האָבן די נאַציס דערהרגעט פיל קינדער און די איבעריקע אַרויסגעפירט פון מאַידאַנעק אויף לאַסט־אויטאָס. יערעמיע איז איינער פון די צען יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן לעצטן לאַסט־אויטאָ, וועלכער איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

●

דער זיבן־יאָריקער י אַ נ ק ע ל ע ק נ י פ ע ר פון קראַשניק געדענקט אויך, ווי די דייטשן האָבן געשאָסן זיינע ברידער און שוועסטער.

„דער טאַטעשי — זאָגט ער מיר — וועט נאָך אפשר צוריקקומען".

●

מ אָ ט ל ל י י ו ו ע ר פון לוצק, צוועלף יאָר אַלט, האָט אין געטאָ פאַרלוירן זיינע עלטערן, צוויי שוועסטער און צוויי ברידער.

ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און אַ צייט געאַרבעט בײַ אַ פּוילישן פּויער. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען קיין לוצק. דער גרעסטער טייל יידן איז שוין דאָרט געווען אויסגעמאָרדעט. עס זענען בלויז געבליבן פּאַכלייט. באַהאַלטן מיט נאָך אַ יידיש יינגל אויף אַ בוידעם בײַ אַ פּוילישער פאַמיליע, האָט מאָטל זיך צוגעזען און צוגעהערט ווי מען האָט די לעצטע יידן געפירט צו דער שחיטה. דייטשן און אוקראַיִנישע פאַשיסטן זענען געלאָפן איבער די שטאָלן און שייערן, זוכנדיק מיט הינט, צי יידן זענען נישט באַהאַלטן אין שטרוי. דערביי האָבן זיי געשריגן צו די הינט: „מ ע נ ט ש כ אַ פּ ד ע ם ה ו נ ט"... ווען מ'האָט געפירט די מחנה יידן צו שיסן, האָט מאָטל געהערט, ווי איינער פון זיי האָט אויסגעשריגן: „ס'וועט אייך נישט געשאָנקען ווערן! עס וועט קומען אַ טאָג, ווען פאַר אונדזער בלוט און טרערן וועט גענומען ווערן נקמה".

דריי טעג האָבן די צוויי קינדער גאָרנישט געגעסן. ווען עס האָט גערעגנט, האָבן זיי אַרויסגעשטעקט אַ שטרוי און געטרונקען אַ ביסל רעגנוואַסער. דערנאָך האָבן די פאַשיסטן אונטערגעצונדן דאָס הויז פון פּויער. די קינדער זענען אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצ־טער, זענען געלאָפן אין וואַלד אַריין און האָבן אויסגעגראָבן דאָרט אַ לאָך, וווּ זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. יעדן אָוונט איז איינער פון די צוויי קינדער אַוועק אין די אַרומיקע וועלדער זוכן עפּעס עסן. איינמאָל איז זיין חבר מער נישט צוריקגעקומען. איז ער אַזוי געבליבן איינער אַליין צוויי חדשים צייט, ביז די רויטע אַרמיי האָט אים באַפרייט.

●

דער קליינער ל ע אָ נ ע ק ל ע ר ע ר (ראָזוואַדאָוו) דער־ציילט:

— מיינע עלטערן זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן.

צוויי שוועסטער זענען אַוועק מיטן טראַנספּאָרט. איך מיט אַ שוועס־טער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי פּוילישע שכנים.

●

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די גרויסע שחיטה אין ביל־גאָריי, איז ש ל מ ה פ י נ ג ע ר, זעכצן יאָר אַלט, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע אַנטלאָפן אין די וועלדער. דאָרט האָבן זיי מיט נאָך יידן (פופציק מאַן צוזאַמען) זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל.

„זענען געקומען די באַנדעראָווצעס און אַרויסגעשלעפּט די יידן. צווישן זיי אויך מיין מאַמע, מיין שוועסטער און די באָבע. זיי צוגעבונדן מיט שטריק און אַזוי געשלעפּט ביז צו דער דייטשער קאָמענדאַנטור. דאָרטן האָבן זיי באַקומען צוואַנציק זלאָטעס פאַר אַ קאָפּ. אַלעמען האָט מען גלייך אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם און געשאָסן״.

שלמה מיט זיין פאָטער האָבן זיך געראַטעוועט אין אַן אַנדער וואַלד. דערנאָך זענען זיי צוריק אַוועק אין געטאָ, ווו זיי זענען פאַרבליבן פיר חדשים. איין טאָג האָבן די דייטשן צונויפגענומען אַלע יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ. די מענער האָבן זיי געשיקט קיין מאַידאַנעק און די פרויען און קינדער האָבן זיי אַריינגעיאָגט אין אַ הויז און אַלעמען געשאָסן. שלמה האָט זיך באַהאַלטן אין אַן איבערבעט. ביינאַכט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט דורכן דאַך, איז אַוועק אין די וועלדער, ווו עס זענען געווען די פּאַרטיזאַנער. דאָרט האָט ער געטראָפן נאָך יידן. אַלע האָבן געהאַט געווער. דריי פון זיי זענען שפּעטער געפאַלן ביי די קאַמפן קעגן די דייטשן. אָנהייב 1944 האָבן די פּאַרטיזאַנער זיך פאַראייניקט מיט דער רויטער אַרמיי.

●

ש ל מ ה ל ע ז ש ע ז נ י ק, צען יאָר אַלט, איז אַ שיין

ייִנגעלע מיט אַ פּאָר קלוגע, ברוינע אויגן. ער רעדט מיטן ערנסט פון אַ דערוואַקסענעם מענטש. שוין ביי דער ערשטער „ווישעד־ליעניע" אין זיין געבוירן־שטאָט, דעמבלין, האָבן די דייטשן צוגענומען פיר שוועסטער און דריי ברידער זיינע. דער פאָטער איז דאַן אַוועק מיט שלמהלען און זיינס אַ שוועסטערל קיין סאָביבאָר.

עס הייבט זיך אָן דער גיהנום פאַר די צוויי קינדער. זיי פאַרלירן דעם פאָטער. שלמהלע אַנטלויפט פון לאַגער, באַהאַלט זיך אויס אין אַ קעלער מיט נאָך יידן.

„בין איך אַזוי געליגן צוויי טעג אָן עסן. כ'האָב זיך געשעמט צו בעטן די אַנדערע יידן. ווער איך בייז און אין איין פענד לויף איך אַרויס פון קעלער".

דאָס קינד נעמט וואַנדערן איבער דערפער, קומט צוריק אין לאַגער, פון וואַנען מען שיקט אים אַוועק קיין מאַידאַנעק. דאָרט מאָרדעט מען יעדן טאָג קינדער. פיל אַנטלויפן, זיי ווערן אָבער אומגעבראַכט אויפן וועג. „דער גרעסטער מערדער אין מאַידאַנעק איז געווען דער ס. ס. באַרטענשלאַגער".

כדי זיך צו ראַטעווען, שטופּט זיך דער דעמאָלט 9־יאָריקער שלמהלע אַריין צווישן אַ טראַנספּאָרט אַרבעטער קיין טשענסטאָכאָוו. ער גיט זיך אויף מיט עטלעכע יאָר עלטער און אַרבעט זייער שווער אין אַן אַוויאַציע־פאַבריק. „פאַר דער מינדסטער זאַך האָט מיר דער דייטשער מייסטער אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, אַז דאָס פּנים האָט מיר געברענט אַ האַלבן טאָג".

ער ווערט באַפרייט דורך דער רויטער אַרמיי.

אין לובלין האָט ער אָפּגעפונען זיין שוועסטער סאַלאַ.

●

וואָס האָט שוין דער צען־יאָריקער הערש שטעלצער, פון רידניק, נישט דורכגעמאַכט! די „ווישעדליעניעס" און שחיטות אין שטעטל, דאָס לויפן אין די דערפער, דאָס שלאָפן אינעם שניי אין

די וועלדער, דאָס אויסבאַהאַלטן זיך זומער אין די תבואות, דאָס צוזען ווי די נאַציס און כוליגאַנעס מאָרדן דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַמיליע. זיין פאָטער און די עלטערע ברידער זענען געפאַלן מיט געווער אין האַנט אין קאַמף קעגן דער געשטאַפּאָ. ער מיט זיין מאַמען האָבן זיך געראַטעוועט אין אַ קריאָווקע (באַהעלטעניש), פון וואַנען זיי האָבן געמוזט אַרויס, ווייל זי איז אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער.

זיי זענען אַוועק אין אַ צווייטער קריאָווקע. כוליגאַנעס זענען געקומען און דערהרגעט די מוטער. ער אַליין האָט נישט געוואָלט אַרויס, האָבן זיי אים געשטאָכן מיט ווידלעס און אַריינגעשאָסן אין גרוב, פאַרוווּנדנדיק אים די רעכטע האַנט און אַן אויער. געמיינט, אַז ער איז טויט, זענען זיי אַוועק. צוויי וואָכן לאַנג איז ער געלעגן צוגעטוליעט צו דער טויטער מוטער און האָט געוויינט.

— האָסט נישט קיין מורא געהאַט?

— פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן פאַר מיין אייגענער מאַמען?

אַ גאַנץ יאָר נאָך האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין דערפער, פעלדער און וועלדער. דערנאָך האָבן אים סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער מיטגענומען.

— דעמאָלט האָב איך דערפילט, אַז איך בין אַ מענטש. — זאָגט מיר דאָס צען־יאָריקע ייִנגעלע.

●

אַזוי גייען זיי דורך, איינס נאָכן צווייטן, די ניינציק קינדער; ניינציק — פון וויפל הונדערטער טויזנטער, וואָס זענען אומגעקומען! ווען איין קינד דערציילט, הערן זיך אַלע צו. פון צייט צו צייט פאַלט שטיל אַ באַמערקונג.

— ווען מען וואָלט געקענט מאַכן פון פּאַפּיר אַ רעכטן רעוואָלווער, — הער איך ווי עס פאַרטרויט זיך אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר

זיבן צו אַ צווייטס — וואָלט איך דערשאָסן דעם דייטש, וואָס האָט דערהרגעט מיין טאַטעשי.

ווען די פערצן־יאָריקע רעגינע העלפאַנט דערציילט מיר, אַז איר פאָטער איז געבליבן לעבן, רופן די קינדער אַרום אויס מיט פיל קנאה איינס צום אַנדערן:

— הער נאָר, זי האָט דאָך אַ טאַטן!...

●

יעדן נאָכמיטאָג פלעג איך זיי אָפּוואַרטן, די קינדער, ביי זייער צוריקקום פון שולע. כ'בין מיט זיי געזעסן גאַנצן שעהן. געהערט זיי רעדן, דערציילן אויף זייער אוממיטלבאַרן אופן זייערע איבער־לעבונגען, זיך צוגעקוקט ווי זיי מאַכן די לעקציעס, ווי זיי גרייטן צו זייער וואַנט־צייטונג, ווי זיי פירן אַדורך זייערע פאַרזאַמלונ־גען, זייער חברים־געריכט. זייער קול, זייערע פנימלעך, זייערע אויגן האָבן מיך באַגלייט אָן אויפהער. כ'האָב זיי געזען, וואַנדערנ־דיק איבער די גאַסן פון לובלין און איבער די אַרומיקע דערפער. איך האָב זיי געזען אין די חלומות אויף מיין געלעגער אין דעם זאַמלפונקט פון די קריגס־געפאַנגענע אויף ליפּאָווע גאַס. כ'האָב אַדורכגעלאָזט צוויי אָפּפאָרן קיין פראַנקרייך...

ווען איך האָב זיך מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער צום לעצטן מאָל מיט זיי געזעגנט, האָבן זיי מיר געבראַכט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, ווו עס איז געווען אָנגעצייכנט מיט געדרוקטע יידישע אותיות: „אַ גרוס פאַר די פראַנצויזישע יידן”. דער בויגן איז געווען אונ־טערגעשריבן פון אַלע קינדער און פון די פאַרוואַלטערינס.

— און איצט, קינדער — האָט זיך אָנגערופן איינע פון די פאַר־וואַלטערינס — איצט וועט איר זינגען פאַר אונדזער פאַריזער גאַסט עטלעכע יידישע לידער, וואָס איר האָט געהערט אין די לאַגערן.

איך מוז מודה זיין: איך האָב נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן, ווען די קינדער האָבן געזונגען די לידער פון טרעבלינקע, מאַידאַנעק און בודזין.

אָט איז איינס, געזונגען פון אַכט־יאָריקן יערעמיע אַרבוז:

יעדער רופט מיך זאַלמעלע,
אַך, ווי מיר איז שווער!
כ׳האָב געהאַט אַ מאַמעלע,
האָב איך זי נישט מער.

כ׳האָב געהאַט אַ טאַטעלע,
האָט ער מיך געהיט.
יעצט בין איך אַ שמאַטעלע,
ווייל איך בין אַ ייד.

כ׳האָב געהאַט אַ שוועסטערל,
איז זי מער נישטאָ, —
אַך, ווו ביסטו אסתרל,
אין דער שווערער שעה?

ערגעץ ביי אַ ביימעלע,
ערגעץ ביי אַ פּלויט, —
ליגט מיין ברודער שלמהלע,
פון אַ דייטש געטויט.

כ׳האָב געהאַט אַ היימעלע,
איצט איז מיר שלעכט.
איך בין ווי אַ בהמהלע,
וואָס דער תליון שעכט.

גאָט, דו קוק פון הימעלע
אויף דער ערד אַראָפּ,
קוק ווי דייַן בלימעלע
רייסט דער גזלן אָפּ.

און נאָך עטלעכע ווייטערדיקע סטראָפעס, קומט דער אויספיר:

ביז דו, דאָס שטאַרקסטע ייִנגעלע,
פאַר דייַן פאָלק און לאַנד,
באַצאָלן וועסט זיי, ייִנגעלע,
פאַר אונדזער טויט און שאַנד.

●

טייערע קינדער. זאָל מיין רעכטע האַנט, וואָס שרייבט די דאָזי־קע שורות, פאַרגעסן ווערן, אויב כ׳וועל פאַרגעסן אייך, די ערשטע באַגעגנטע יידישע קינדער נאָכן גרויסן חורבן; אויב אין מיין האַרץ וועט אויפהערן צו ברענען דער האַס צו די, וואָס האָבן אייך געפייניקט און ביי אייך צוגערויבט אייערע עלטערן, אייערע שוועסטער און ברידער; אויב עס וועלן אויף אַ ווײַלע ביי מיר אויסגעלאָשן ווערן די געפילן פון אומענדלעכער דאַנקבאַרקייט פאַר די, וואָס האָבן אייך געראַטעוועט און געעפנט פאַר אייך דעם וועג צום לעבן.

זאָל דער קרישטאָל־ריינער, מאָנענדיקער בליק פון אייערע אויגן מיך באַגלייטן אָן אויפהער און מיר נישט געבן קיין רו אַזוי לאַנג, ווי מיר וועלן נישט האָבן אויסגעקעמפט, אַז מער זאָל קיין שום קינד אין דער וועלט נישט זען און נישט איבערלעבן דאָס, וואָס איר האָט געזען און איבערגעלעבט.

ק אַ פּ י ט ל 10

מאַריאַ קוסאַי

איך האָב זי געטראָפן אויף ריבנע 8, אינעם יידישן קאָמיטעט אין לובלין. זי איז געשטאַנען אויסגעמישט צווישן עולם יידן, וואָס זענען אַהערגעקומען, ווער נאָך אַן עצה, ווער נאָך שטיצע און ווער סתם אַזוי, כדי צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן. ביי דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שיין, ריין־אָנגעטאָן, פיזיש געזונט, גוט אַנטוויקלט יינגעלע פון אַ יאָר 10, מיט אַ קלוג, אינטעליגענט פּנימל און אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן.

— וואַרט נאָך צו אַביסל, מיין טייער קינד — האָט זי אים געגלעט מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט — גלייך וועט די מאַמע פאַרענדיקן די אַרבעט און וועסט זי קענען זען.

די יידן אַרום האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דאָס איז אַ פּוילישע פרוי, וואָס האָט אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן און אויסגעהאָדעוועט דאָס יינגעלע, זיין מוטער און נאָך ניין יידן.

— מאַמע! — איז דאָס יינגעלע אַרויפגעפאַלן אויף זיין מוטער, די טוערין פון קאָמיטעט, צ ע ש אַ ל אַ נ ד ו י.

— דאָס האָבן מיר איר צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר לעבן נאָך — זאָגט אונדז צעשאַ לאַנדוי, אָנווייזנדיק אויף דער פּוילישער פרוי,

וואָס שטייט אַביסל צעטומלט און פאַרשעמט פון דעם, וואָס מען פאַרנעמט זיך מיט איר פערזאָן.

און צעשאַ לאַנדוי דערציילט אונדז:

זי שטאַמט פון טשענסטאָכאָוו. פון דער היים הייסט זי שוואַרצ־בוים. ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָבן זיך דאָרט גע־פונען 28 טויזנט יידן, ווען עמענס צאָל עס איז שפּעטער אויסגע־וואַקסן אויף 45 טויזנט. גלייך די ערשטע טעג האָבן זיך אָנגע־הויבן די רדיפות. די דייטשן האָבן געזוכט אין די שטובן, געראַ־בעוועט, געכאַפּט אויף אַרבעט. דאָס האָט אַזוי געדויערט ביז 1942, ווען עס איז אַרויס די גזירה וועגן ערשטן געטאָ. מען האָט פאַר די יידן אָפּגעטיילט די ערגסטע געסלעך. די נאַציס האָבן כסדר דורכ־געפירט רעוויזיעס און געזוכט אין דער ערשטער ריי צו פאַרניכטן די יידישע אינטעליגענץ. יום־כיפור 1942 איז דאָס געטאָ אַרומגע־רינגלט געוואָרן. מען האָט די יידן קאָנצענטרירט אין און אַרום דער פאַבריק בראַלאַנט. דאָרט האָט מען „סעגרעגירט", פיל פון זיי דערשאָסן אויפן אָרט און ביז פערציק טויזנט יידן אַוועקגע־שיקט קיין טרעבלינקע. פון צעשאַ לאַנדויס משפחה פון בערך אַכציק פערזאָן זענען דאַן געבליבן בלויז פינף און שפּעטער בלויז זי מיט איר קינד.

דאָס ביסל פאַרבליבענע יידן זענען דעמאָלט אַריין אין אַ קליי־נעם געטאָ, אַרומגערינגלט מיט דראָט. געוועז זענען דאָס בלויז ספּעציאַליסטן. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פרישע גמינע. אין חודש מערץ 1943 האָבן די דייטשן געמאָלדן די קהלה־טוער, אַז עס איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך אויסצוטוישן אַ געוויסע צאָל פוילישע יידן קעגן פאַלעסטינער דייטשן. די, וואָס ווילן אַרויס־פאָרן, זאָלן זיך צושטעלן ביז פינף פאַרנאַכט. קודם כל וועלן האָבן דאָס רעכט צו פאָרן די אינטעליגענץ און די פירער פון דער קהלה.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן די מהומה, וואָס איז געוואָרן. מענטשן האָבן זיך געשטופּט און געשטויסן. מען האָט געצאָלט

געלט, כדי צו זיין פון די גליקלעכע. פיל יידן האָבן מיטגענומען קיילעכדיקע יתומים, צושרייבנדיק זיי אויף זייערע פּאַפּירן, אַלץ מיט דער האָפענונג צו קענען ענדלעך אַרויס פון גיהנום. די דייטשן האָבן זיי דאַן צונויפגענומען, אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם און אַלעמען אויסגעשאָסן. בלויז אייניקע, דערונטער איר מאַן, זענען דורך אַ צופאַל געבליבן לעבן.

דעמאָלט האָט די פרוי לאַנדוי אַוועקגעפירט אירע צוויי קינדער צו דער פּוילישער פרוי, מאַריאַ קוסאַי, אָט טאָקע דיזעלבע, וואָס שטייט איצט לעבן אונדז. לאַנדוי איז דאַן געווען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר אַ פאַבריק, וווּ עס האָבן געאַרבעט יידן. ער האָט חוץ דער לעגאַלער צאָל אַרבעטער, אויסבאַהאַלטן אין די קעלערן און אין געהיימע צימערלעך פון דער פאַבריק 500 יידן, פאַר וועמען ער האָט געזאָרגט, פאַרשאַפנדיק זיי צו עסן אין משך פון דריי וואָכן.

אָבער אויך דאָס דאַזיקע ביסל יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק, איז געווען גרויס אין די אויגן פון דער געשטאַפּאָ, וואָס האָט צווישן זיי אָרגאַניזירט פון צייט צו צייט קלענערע שחי־טות. איין מאָל האָבן זיי געכאַפּט איר מאַן מיטן עלטערן זון, וועלכן ער האָט געהאַט צוגענומען פון פרוי קוסאַי, און זיי דערשאָסן אונטער דער באַשולדיקונג פון שטיצן די פאַרטיזאַנער. געווען איז עס דעם 26־טן יוני 1943.

אין דער זעלבער צייט האָט פרוי לאַנדוי זיך געפונען אין אַ כסדרדיקער טויט־געפאַר. מען האָט זי שוין גענומען צום שיסן און פיר מאָל געהאַט אָפּגעקליבן פאַרן טויט־לאַגער פון טרעבלינקע. דערנאָך האָט זי זיך געפונען אין אַן אַרבעטס־לאַגער מיט צוויי טויזנט יידן. זי אַנטלויפט דורך צוויי רייען דראָטן. די נאַציס שיסן נאָך זי לויפט צו מאַרי קוסאַי, וועלכע באַהאַלט זי אויס.

מאַריאַ קוסאַי איז אויסערגעוויינלעך איבערגעגעבן אירע יידישע געסט. זי באַזאָרגט זיי מיט עסן און טרינקען און ראַטעוועט זיי

פיל מאָל, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, פון די הענט פון דער געשטאַפּאָ.

— איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן — דערציילט מיר צעשאַ לאַנדוי — ווי אין איינעם אַן אָוונט האָט זיך אַ געשטאַפּאָ־אַגענט אַריינגעריסן צו אונדזער אויסבאַהאַלטערין אין דער וווי־נונג. איך מיטן קינד האָבן קוים צייט געהאַט אַרונטערצולויפן אונ־טערן טיש, ביי וועלכן ער האָט זיך טאַקע גלייך אַוועקגעזעצט. אַרויסכאַפּנדיק דעם רעוואָלווער, האָט ער גענומען דראָען דער פּוילישער פרוי:

„כ׳ווייס, אַז דו באַהאַלטסט אויס יידן, גיב זיי מיר גלייך אַרויס. אויב נישט, דערשיס איך דיך אויפן אָרט, ווי אַ הונט״.

פרוי לאַנדוי האָט זיך, אונטערן טיש, אַנגעסטפּול צוגעקוועטשט מיטן קינד, ווען מען זי האָט פאַרשטאָפּט דאָס מויל. עס איז געווען גע־ווען, אַז דער געשטאַפּאָ־אַגענט זאָל אַביסל אויסציען די פיס, כדי ער זאָל קענען דערפילן די אָנוועזנהייט זייערע עטלעכע צענטי־מעטער פון זיך.

מאַריאַ קוסאַי האָט אָבער נישט פאַרלוירן איר קאַלטבלוט. זי האָט קודם כל פאַרלאַנגט די דאָקומענטן פון אַגענט. דערנאָך האָט זי אים געזאָגט:

— אויב איר גלייבט מיר נישט, קענט איר זוכן!

ער האָט געזוכט און גענישטערט אומעטום מיט אַן עלעקטריש לעמפּל, אויסער... אונטערן טיש, און איז אַוועק מיט גאָרנישט.

די סיטואַציע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. די רעוויזיעס אַלץ אָפטער. מען האָט געמוזט אַנטלויפן. געווען איין מעגלעכקייט: אָפּ־דינגען אַ לאַסט־אויטאָ. דאָס איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט גרוי־סע אויסגאַבן. פרוי לאַנדוי האָט נישט געהאַט קיין געלט. אָבער אויך דאַ האָט די פּוילישע פרוי זיי געראַטעוועט. זי האָט מיט אַ יאָר צוריק באַקומען פון ה׳ לאַנדוי אַ גרעסערע סומע געלט אויף אויסצוהאַלטן זיין פרוי און קינד. די דאָזיקע סומע, פון וועלכער

פרוי לאַנדוי האָט נישט געוווסט, האָט זי נישט גערירט און איצט האָט זי דערמיט באַצאָלט דעם שאָפער, וואָס האָט זיי, זאַלבעדריט, אַריבערגעפירט אין אַ לאַסט־אויטאָ, אונטער אַ באַרג סחורה, ביז פּוסטעלניק, לעבן וואַרשע.

דאָרט, אין פּוסטעלניק, האָט מאַריאַ קוסאַי אויסבאַהאַלטן פרוי לאַנדוי, איר קינד און נאָך ניין יידן. זי האָט געגראָבן קאַרטאָפל, געטאָן די שווערסטע אַרבעטן, כדי זיי זאָלן האָבן צו עסן. אויך דאָרט זענען די געפאַרן געווען גרויסע. דער פראָנט האָט זיך דער־נעענטערט. עס איז געווען פול מיט ס.ס. מאַריאַ האָט געמוזט באַ־דינען די דייטשע אָפיצירן, וואָס האָבן געהאַט זייער קוואַרטיר אין הויז, און גלייכצייטיק באַזאָרגן מיט עסן די עלף יידן אינעם בונ־קער אונטערן הויז.

אַזוי האָט עס געדויערט ביז עס איז געקומען דער גליקלעכער, אומפאַרגעסלעכער טאָג פון דער באַפרייאונג. די פרייד איז געווען נישט צו באַשרייבן. דער סאָוויעטישער גענעראַל פּאָפּאָוו האָט זיך פערזענלעך פאַראינטערעסירט מיט די געראַטעוועטע יידן און באַ־פוילן זיי אַרויסצוגעבן עסן פון דער אָפיצירן־קיך.

פון דאָרט איז פרוי לאַנדוי מיט איר קינד אָפּגעפאָרן קיין לובלין. מאַריאַ קוסאַי האָט זיך נישט געוואָלט פון זיי צעשיידן און איז מיט זיי אַוועק. אין לובלין זענען זיי פינף וואָכן צייט געשלאָפן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע אין „פרץ־הויז", און דאָס אויך מיט שוועריקייטן, ווייל עס זענען געווען אַזעלכע יידן, וואָס האָבן גע־האַלטן, אַז פאַר „גויים" איז נישטאָ דאָרט קיין פּלאַץ.

מאַריאַ קוסאַי, וועלכע האָט אין משך פון די לעצטע 2 יאָר פאַר־לוירן 16 קילאָ, פּלעגט זיך אויפהייבן אינדערפרי, אַוועקלויפן אַר־בעטן ביי שטאָט־באַלעבאָסטעס און פאַרן געלט קויפן ווייס ברויט פאַרן קינד.

און איצט שטייט זי באַשיידן אין אַ ווינקל און קוקט מיט ליבע אויף „איר" קינד.

— זעט — זאָגט זי מיר, אַנווייזנדיק אויפן יינגעלע — האָט זיך נישט געלוינט צו ליידן, כדי אויפצוהאָדעווען אַזאַ טייערן יונג?... איך באַדויער בלויז, וואָס דער הער לאַנדוי האָט מיך נישט געוואָלט הערן, זיך אויך אויסצובאַהאַלטן ביי מיר מיט זיין אַנ־דערן זון.

— האָט איר געוווּסט, וואָס אייך דראָט?

— זיכער האָב איך געוווּסט. אָבער אַלץ איז מיר ווערט געווען, כדי אָפצוראַטעווען אַזעלכע אומשולדיקע מענטשן.

ק אַ פּ י ט ל 11

אין לוצק

די שטאָט לוצק, די ערשטע סאָוויעטישע שטאָט, ווו איך בין אָנגעקומען נאָך זעקס וואָכן אַרומפאָרן איבער פּוילן, האָט שטאַרק געליטן פון דער מלחמה. באַזונדערס טראַגיש איז געווען דער גורל פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. פון 22 טויזנט יידן זענען ביי 21 טויזנט אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן. בלויז טויזנט האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען דורך עוואַקואַציע אין טיף־ראַטנפאַרבאַנד, אָדער זענען געווען אין דער רויטער אַרמיי און ביי די פּאַרטיזאַנער. בעת מיין אָנקום קיין לוצק זענען שוין געהאַט צוריקגעקומען אַ 150 יידן.

אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן זיך דאַן געפונען ביז 5000 פראַנצויזן, געוועזענע קריגס־געפאַנגענע און ציווילע, וועמען די דייטשן האָבן פאַרשיקט אויף אַרבעט. מיר זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין גרויסע קאַזאַרמעס, וועלכע זענען דאָרט נאָך אויפגעבויט געוואָרן אין פּילסודסקיס צייטן.

כאָטש מיר האָבן געוווינט אין קאַזאַרמעס, האָט אונדזער לעבן דאָרט אַבסאָלוט נישט דערמאָנט אין דעם געוויינלעך־שטרענגן מיליטערישן רעזשים. מיר האָבן געהאַט די פולשטענדיקע פרייהייט צו גיין ווו און ווען מיר האָבן געוואָלט. מיר פלעגן באַקומען צו

עסן דריי מאָל אין טאָג. זעלטן ווען עס איז עמעצן אויסגעקומען צו זיין באַשעפטיקט אַ שעה אָדער צוויי ביי געוויסע אינערלעכע אַרבעטן.

די פראַנצויזן פלעגן זיך פונאַנדערשפרייטן איבער דער שטאָט און די דערפער אַרום, שליסנדיק באַקאַנטשאַפט מיט די איינוווינער. יעדע פאָר טעג פלעגט מען אין די שטאָטישע קינאָס ווייזן נייע פילמען. פאַר אונדז איז דער אַריינגאַנג געווען אומזיסט. וואַרטנ־דיק אויפן קומענדיקן סעאַנס, פלעגט מען דערווייל אין די גרויסע האָלן טאַנצן ביי די קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער אָדער פון דיסקן.

פיל פראַנצויזן האָבן לאַנגע שעהן אין טאָג פאַרבראַכט אויפן פרייען מאַרק, ווו די פויערן זענען געקומען מיט זייערע סחורות. עס איז געווען פאַרבאָטן יעדער מין שפעקולאַציע. דאַקעגן האָט מען געקענט קויפן אַלץ פריי און אויך טוישן פאַרשידענע זאַכן. די פראַנצויזן האָבן זיך טאַקע באַנוצט מיטן טויש־סיסטעם און יעדן טאָג פלעגן זיי צוריקקומען אין דער קאַזאַרמע מיט פולע רוקזעק ווייס ברויט, אייער, הינער און גענדז... אין אַלגעמיין האָבן מיר במשך פון די עטלעכע וואָכן זיין אין לוצק געקענט פעסטשטעלן, ווי די לעבנסמיטלען אויפן פרייען מאַרק זענען געוואָרן כסדר ביליקער.

אין שטאָט פלעגן מיר באַגעגענען זייער אָפט סאָוויעטישע אָר־מייער. עס האָט זעלטן געטראָפן, אַז עס זאָל אַדורכגיין אַ גרופּע סאָוויעטישע סאָלדאַטן אָדער אָפיצירן און זאָל אונדז נישט אָפּ־שטעלן, כדי אָנצוקניפּן מיט אונדז אַ שמועס און אונדז איינלאַדן עפּעס אויסצוטרינקען. עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן די פריינט־לעכקייט, די פשוטקייט און ברייטהאַרציקייט פון סאָוויעטישן מענטשן. איר האָט געקענט זען העכערע אָוויאַציע־אָפיצירן, אויף וועמענס ברוסטן עס האָבן געלויכטן די העכסטע סאָוויעטישע אויסצייכענונגען — „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" — געמיטלעך פאַר־

ברענגען מיט פראַנצויזישע סאָלדאַטן, זיך ווייצלען מיט זיי, אויס־פרעגן זיך צי עס פעלט זיי נישט עפּעס, צי מען קען זיי נישט מיט וואָס נישט איז באַהילפיק זיין.

●

דער קאָמענדאַנט פון דער קאַזאַרמע, וווּ עס זענען איינגעשטאַנען די פינף טויזנט פראַנצויזן, איז געווען אַ מאָסקווער ייד, קאַפּיטאַן נאַטאַנזאָן. אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, האָט ער אַלעמען איבעראַשט מיט זיין ענערגיע, אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, מיט זיין שטאַרקן חוש פאַר אָרדענונג און דיסציפּלין און גלייכצייטיק מיט זיין זאָרגפולקייט פאַר די מענטשן.

— דער קאָמענדאַנט וויל דיך זען — האָט מיר אין אַ געוויסן טאָג געזאָגט אַ חבר פון פּאַריז, וועלכער האָט אַדורכגעמאַכט אויש־וויץ און איז, צוזאַמען מיט אַנדערע געוועזענע דעפּאָרטירטע, געוואָרן צוגעטיילט צו אונדז, כּדי אינאיינעם רעפּאַטריאירט צו ווערן קיין פראַנקרייך.

— איר זייט אַ יידישער זשורנאַליסט פון פּאַריז, האָט מען מיר געזאָגט — מיט אָט די ווערטער האָט מיר אויפגענומען דעם זעלבן אָונט קאַפּיטאַן נאַטאַנזאָן, וואָס האָט מיך באַגריסט אין אַ זאַפטיקן יידיש און מיר געשטעלט פאַרשידענע פראַגן וועגן לעבן אין פראַנקרייך, וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן די יידן.

קאַפּיטאַן נאַטאַנזאָן האָט מיר איבערגעגעבן, אַז זיין זיידע אָדער עלטער־זיידע איז געווען אַ קאַנטאָניסט, איינער פון די, וועלכע מען האָט ביים צאַר געכאַפּט אַלס קינדער און זיי אָפּגעהאַלטן 25 יאָר אין דער אַרמיי. נאָכן אויסדינען, האָט ער זיך באַזעצט אין מאָס־קווע, וווּ דער איצטיקער קאָמענדאַנט אונדזערער איז געבוירן געוואָרן.

דער קאָמענדאַנט האָט מיר דערציילט וועגן בוך פון איליאַ ערענבורג „דאָס פאַלן פון פּאַריז"; אַ בוך וועגן וועלכן מיר, גע־

פֿאַנגענע, האָבן בלויז געהערט פֿון די דייטשן, וואָס האָבן מיט גרויס שנאה געשריבן און גערעדט סיי וועגן מחבר, סיי וועגן דעם ווערק. נאַטאַנזאָן האָט בשום אופֿן נישט געקענט באַגרייפֿן ווי אַזוי דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק האָט צוגעלאָזט, אַז די מלוכה־מענער זאָלן עס אַזוי פֿאַראַטן.

אויב דער קאָמענדאַנט האָט זיך מיט גרויס זאָרג באַצויגן צו אונדז, פֿראַנצויזישע סאָלדאַטן, איז ער געווען פֿיל קעלטער צו די פֿראַנצויזישע אָפֿיצירן, ווען ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן צוליב זייער גאַווהדיקער און אָפֿיציעלער באַציאונג צו די סאָל־דאַטן, ווי אויך צוליב זייערע רעאַקציאָנערע איינשטעלונגען.

— איך זע דאָך קיינמאָל נישט, אַז אייערס אַן אָפֿיציר זאָל קו־מען עפּעס פֿאַרלאַנגען פֿאַר אייך, סאָלדאַטן. זיי זאָרגן בלויז פֿאַר זיך און פֿאַר זייערע באַקוועמלעכקייטן...

מען דאַרף זאָגן, אַז אין אַלגעמיין האָט דער קאָמענדאַנט גע־האָט רעכט. דאָס רוב העכערע פֿראַנצויזישע אָפֿיצירן האָבן נישט געמאַכט קיין סוד פֿון זייערע סימפּאַטיעס צו שאַרל מאָראַס און פּעטען. זיכער זענען געווען צווישן זיי פּאַטריאָטן און ערלעכע רעפּובליקאַנער. אָבער נישט די לעצטע האָבן דאָמינירט אין די קאַדערן פֿון דער פֿראַנצויזישער אַרמיי אין 1939־1940.

אָפֿט פֿלעגט בעת אונדזערס אַ שמועס אַריינקומען אַ פֿראַנצוי־זישער אָפֿיציר. קאָמענדאַנט נאַטאַנזאָן פֿלעגט אים אויסהערן העפֿ־לעך, אָבער אָפֿיציעל, לאָזנדיק אים שטיין, בעת איך, דער געוויינ־לעכער סאָלדאַט, פֿלעג זיצן...

— כ׳וויל פֿון אייך איין זאַך — האָט קאָמענדאַנט נאַטאַנזאָן מיר געזאָגט — איר זאָלט למען השם יעדן טאָג אַרום זעקס פֿאַר־נאַכט אַהער אַרויפֿקומען.

אַ געוויסן טאָג, עפֿענענדיק די טיר פֿון קאָמענדאַנטס צימער, האָב איך דאָרט דערזען אייניקע סאָוויעטישע הויכע אָפֿיצירן. איי־נער פֿון זיי האָט געהאַט, אויב איך האָב זיך נישט טועה געווען,

דעם גראַד פון גענעראַל. כ׳פּרווו זיך צוריקציען, אָבער קאָמענדאַנט נאַטאַנזאָן רופט מיך אַריין. איך דערנעענטער זיך צום טיש, באַגריס זיך מיטן קאָמענדאַנט און זאָג אים אייניקע ווערטער אויף רוסיש.

— וואָס דאַרפט איר זיך ברעכן די צונג? — רופט נאַטאַנזאָן פריילעך אויס — רעדט צו מיר יידיש.

ער שטעלט מיך פאָר פאַר די הויכע אָפיצירן מיט די ווערטער:

—„עטאָ פראַנצוסקי יעווריי״ (דאָס איז אַ פראַנצויזישער ייד)...

קאַפּיטל 12

דער 1־טער מאַי

שוין אַ חודש פריער האָט מען אין לוצק זיך גענומען גרייטן צום 1־טן מאַי. פּונקט ווי אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד, זענען דאָ די צוגרייטונגען אַדורכגעגאַנגען אונטער דער הויפּט־לאָזונג: „לאָמיר ווירדיק אויפנעמען די צוריקקומענדיקע רויטע אַרמייער". אייגנט־לעך איז דער קריג נאָכנישט געווען פאַרענדיקט. עס איז אָבער געווען זיכער, אַז דער זיג איז גאָר נאָענט.

„ווירדיק אויפנעמען די צוריקקומענדיקע רויט־אַרמייער" האָט אין דער רעאַליסטישער סאָוויעטישער שפּראַך באַדייט: אָפּווישן די שפּורן פון די חורבות, מאַכן די שטאָט וואָס ריינער און שענער, צוגרייטן וווינונגען און אַרבעט פאַר די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, באַזאָרגן זיי מיט ציוויל־קליידער און באַשפּייזונג.

ווירדיק אויפנעמען דעם זיג און די זיגער האָט זיך אויך געגרייט די נאַטור. דער ווינטער איז, ווי דורך אַ כישוף־שטעקעלע, איבער נאַכט פאַרשווונדן. פון די בערג שניי איז נישט געבליבן קיין זכר. אַלץ האָט גענומען גרינען און בליען. די זון האָט מיט אַ שפּילעוו־דיקער מילדקייט באַשטראַלט די ריזיקע פּראָנט־קאַרטע אויף דער סטאַלין־גאַס, קעגנאיבער דעם שיינעם פּאַרק. אַרום דער קאַרטע האָבן אַ גאַנצן טאָג פיבערדיק דיסקוטירט הונדערטער מענטשן,

נאָכפאָלגנדיק די רויטע פענדלעך, וועלכע זענען אַלצמער איבער־געררוקט געוואָרן אין דער ריכטונג פון בערלין.

●

ווען מיר, באַפרייטע פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, זענען סוף מערץ 1945 געקומען קיין לוצק, האָבן מיר, ווי דערמאָנט, גע־טראָפן אַ האַלב־חרובע שטאָט. רואינען פון צעשטערטע הייזער, צעבראָכענע פאַרקנס, אויסגעהאַקטע שויבן, אויסגעריסענע ביימער, ריזיקע גריבער דורך אויפגעריסענע באָמבעס, נישט פאַרשאָטענע טראַנשייען.

אָבער שוין אָנהייב אַפּריל האָט זיך אַל'ץ גענומען בייטן. יעדן פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, זענען הונדערטער מענטשן אַרויס אין גאַס, ווער מיט אַ לאָפּעטע, ווער מיט אַ גראַב־אייזן, ווער מיט אַ „טאַטשקע". ווייניק יינגעלייט; זיי זענען געווען אויפן פראָנט. אָבער פיל מיטליאָריקע און עלטערע אַרבעטער, רעגירונג־אָנגע־שטעלטע, פרויען און קינדער. עס זענען אויך געקומען די פאַרטיי־פירער, די מיליציאָנערן. קיינער איז נישט געבליבן אינדערהיים. אַלע האָבן געאַרבעט מיט פלייס, כדי צו פאַרווישן די קריג־שפּורן פון דער שטאָט.

האַרציקע מיידלשע געלעכטערס פון איין גרופּע האָבן זיך איבערגערופן מיט פריילעכע געזאַנגען פון אַ צווייטער גרופּע. און די קופּעס שטיינער און ציגל זענען אַלץ קלענער געוואָרן, די גריבער זענען געוואָרן פאַרשאָטן. אַרום די אָפּגערייניקטע פּלעצער זענען אויסגעוואָקסן פאַרקנס. לענגאויס די טראָטואַרן האָט מען די ביימער זאָרגפול אַרומגעפּוצט און עס זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן בלומען. עס איז אָנגעגאַנגען אַ מין געוועט פאַר יעדן הויז, פאַר יעדן שויב־פענצטער, עס זאָל זיין וואָס שנעלער און שענער אויסגעצירט און דעקאָרירט. אַרום יעדער עפנטלעכער געביידע, אַרום יעדן קלוב,

שול, אויף יעדן פרייען פּלאַץ האָבן זיך באַוויזן נידעריקע זאַמד־בערגלעך, קיילעכדיקע און פיר־קאַנטיקע, אין דער מיט פון וועלכע עס איז מיט רויטע שטיינדלעך אויסגעצייכנט געוואָרן אַ סערפּ מיט אַ האַמער, אַן אַקטועלע לאָזונג, דער פּאָרטרעט פון סטאַלינען.

— פראַנצוזי! — האָבן די מיידלעך מיט געלעכטער זיך געוואָנדן צו די פאַרבייגייענדיקע פראַנצויזן, וואָס האָבן מיט חידוש זיך צו־געקוקט צו אָט דעם פּאַר זיי אומבאַקאַנט בילד. — אידיטיע סודאַ! (קומט אַהער).

די פראַנצויזן האָבן זיך נישט געלאָזט בעטן, און נעמענדיק אַ לאָפּעטע, אָדער אַ „טאַטשקע", האָבן זיי זיך מיטבאַטייליקט אין אָט דער אַרבעט.

●

ערב דעם ערשטן מאַי איז די שטאָט מער נישט געווען צו דער־קענען. די גאַסן זויבער, די הייזער אויסגעצירט מיט רויטע פענער, פּאָרטרעטן פון די פירער און ריזיקע טראַנספּאַרענטן. דער מאַרק־פּלאַץ — אינגאַנצן אָפּגערייניקט און באַשאָטן מיט זאַמד. נאָך זע־נען די צעשטערטע הייזער נישט אויפגעבויט, אָבער די שפּורן פון די רואינעס זענען פאַרשוואונדן. איבער די גאַסן זענען די מענטשן שוין געגאַנגען יום־טובדיק אייליק, מיט פּעקלעך שפּייז אונטער די אָרעמס. מען האָט זיך געגרייט צו פייערן די נאַכט פון ערשטן מאַי.

די דאָזיקע נאַכט האָב איך פאַרבראַכט ביי אַ יידישן אינזשע־ניער. דער טיש איז באַשיידן געגרייט. די קריגס־שוועריקייטן עק־זיסטירן נאָך. אָבער צו עסן איז דאָ און צו טרינקען — אויך. און דער עיקר: אַ פולע שטוב מענטשן. נאָענטע, פריינטלעכע, איי־גענע פּנימער, כאָטש מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך נאָך קיי־נעם פון זיי נישט געקענט, און אַ טייל זענען מיר נאָך מיט אַ פּאָר שעה פריער געווען אומבאַקאַנט.

אָט זיצט דאָ אַ יונגער בחור. יאָשקע רופט מען אים היימיש. אַ מזיק אויף זינגען רויט־אַרמייאישע לידער. „ער קען אַראָפּלאָזן אַ האַלבן ליטער „וואָדקאַ", נישט קיין פּינטל טועמדיק מיטן אויג". — ווי צלט זיך דער אינזשעניער. יאָשקע האָט פיינט צו רעדן וועגן זיך. אָבער אַלע קענען אים אַלס דעם „ה ע ל ד פ ו ן א ר ע ל", וועמען מען קען זען אין דעם סאָוויעטישן פילם „די שלאַכט פון אָרעל" צווישן די ערשטע באַפרייער פון דער שטאָט.

געווען איז עס אין 1943. די שלאַכט ביי אָרעל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פאַרביסענע. די רויטע אַרמיי האָט באַוויזן אַדורכצוברעכן אַ „קלין" אין די פאַרפעסטיקונגען פון שונא. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַדורכרייסן זיך דורך אָט דער עפענונג. עס איז אָבער געווען ביז גאָר געפערלעך. די ערשטע גרופּע פריי־ווייליקע איז געפאַלן. דאָס זעלבע די צווייטע, די דריטע, די פערטע. ווען דער קאָמענדאַנט האָט דאַן אַ פרעג געטאָן: „זענען פאַראַן פרייוויליקע פאַרצוזעצן?", האָט אַ ווײלע געהערשט אַ שטילקייט. „איך גיי!" — האָט יאָשקע אויסגערופן. גלייך נאָך אים האָבן זיך דערהערט צענדליקער: „איך אויך!". און אָט די גרופּע האָט זיך עס אַריינגעריסן קיין אָרעל מיט דער זיגערישער פאָן פון דער רויטער אַרמיי און איז פאַראייביקט געוואָרן דורך אַן אַוויאָן־אויפ־נאַמע פון אַ סאָוויעטישן פילם־רעפּאָרטער.

עס פייערן היינט דאָ מיט אונדז דעם ערשטן מאַי אייניקע אוקראַינער, ביז גאָר סימפּאַטישע מענטשן, איבערגעגעבענע קעמ־פער, מיט לאַנגיאָריקע סטאַזשן. עס זיצט מיט אונדז דער פאָרוטש־ניק מילער, וועלכער איז געשיקט געוואָרן קיין לוצק דורך דער פּוילישער רעגירונג, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער רעפּאַט־ריאַציע פון די פּוילישע בירגער.

ווי שנעל די נאַכט איז אַדורך. זכרונות פון די אַדורכגעלעבטע שווערע יאָרן, אַדורכגעפלאָכטן מיט ברייט־פאַרמאַסטענע פּלענער פאַר ווייטער. לידער פון פּאַרטיזאַנער, פון רויט־אַרמייער. טאָסטן,

געהאַלטן פאַר דעם, וואָס ווערט דאָ פון אַלעמען פאַרערט אַלס פירער, אַלס רעטער, אַלס הייס־געליבטער פאָטער. עס איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן, וואָס דער סאָוויעטישער מענטש פילט, אַרויסרעדנדיק דאָס וואָרט — סטאַלין! מען טרינקט פאַר דער פריינטשאַפט פון פעלקער, פאַר אַ נייעם, גליקלעכן מאָרגן לטובת דער גאַנצער מענטשהייט.

קיינער טראַכט נישט וועגן גיין שלאָפן. ווי נאָר ס'ווערט טאָג, לאָזט מען זיך אַרויס אין גאַס. די שטאָט איז פול מיט מענטשן. אַלע יום־טובדיק אָנגעטאָן. עס מאַרשירן גרופעס סאָלדאַטן, עס שטראָמען מחנות קינדער מיט פאָנען און געזאַנג. אַלע ציען אין דער ריכטונג פון ספאָרט־פּלאַץ, ווו עס וועט פאָרקומען די מאַי־מאַניפעסטאַציע.

דער אויסגעצירטער פּלאַץ איז איבערגעפולט. פענער, בלומען. עס זינגט אַ רויט־אַרמייאישער כאָר, דערנאָך אַ קינדער־כאָר. רע־דעס, ספּאָרט־פאָרמעסטונגען. הורא־אויסגעשרייען פאַר סטאַלינען, פאַר דער רויטער אַרמיי, פאַר די סאָוויעטיש־אוקראַינישע פירער.

●

נאָך דער אָפיציעלער פייערונג לאָזט זיך דער עולם אַוועק אין קינאָ, אין די טעאַטערס, אין די קלובן. אומעטום ווערט געשפּילט און געטאַנצט.

אין אָוונט בין איך מיט נאָך אַ חבר פאַרבעטן אין שיינעם קלוב פון די פּליער. מיינע „אַלטע״ באַקאַנטע, וואָס פירן אונדז אַהין אַריין, האָבןביידע גאָלדענע שטערנס אויף די ברוסטן: „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״. איינער איז פון אָמסק (סיביר), דער צווייטער פון מאָסקווע. אין קלוב טרעפן מיר אייניקע יונגע יידישע פּילאָטן. אַן ערשטקלאַסיקער רויט־אַרמייאישער אָרקעסטער שפּילט, דער עולם זינגט, טאַנצט, פאַרוויילט זיך.

מיר גייען אַראָפּ פון קלוב נאָך האַלבער נאַכט אין דער ריכטונג פון די קאַזאַרמעס, ווו מיר, באַפרייטע פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, זענען איינגעאָרדנט. אויפן וועג טרעף איך דעם קאָמענדאַנט נאַטאַנזאָן.

— איך האָב פאַר אייך אַ פריילעכע בשורה! — רופט ער אויס מיט זיין באַריטאָן־שטימע — מיר וועלן אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אַ חתונה. אייער פאַריזער יאָסל ב. מיט אַ לוצקער מיידל. איר זאָלט למען השם קומען!

דער ראַדיאָ־הילכער אין מיטן גאַס שלאָגט אונדז איבער דעם שמועס. עס הערט זיך דאָס מעכטיקע קול פונעם ספּיקער פון מאָסקווער ראַדיאָ, לעוויטאַן: אַ וויכטיקער טאָג־ראַפּאָרט פונעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון די באַוואָפנטע כוחות, יאָסיף סטאַלין:

— די אַרמייען פון מאַרשאַל זשוקאָוו און מאַרשאַל קאָניעוו פאַרנעמען די לעצטע קוואַרטאַלן פון בערלין!!!

ק אַ פּ י ט ל 13

יידישע פּאַרטיזאַנער

שטענדיק זעט מען זיי אין לוצק צוזאַמען, די צוויי נישט־צע־שיידבאַרע חברים, אין זייערע סאָוויעטישע אָפיצירן־אוניפאָרמען, מיט די הויכע מיליטערישע אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט. זיי זענען ביז גאָר באַשיידן, פשוט, פריינטלעך. זיי רעדן וועגן זייערע העלדנטאַטן, וועגן די אַזוי־פאַרדינטע אויסצייכענונגען זיי־ערע, נישט גערן און ווי פון עפּעס אַ געוויינלעכער, נאַטירלעכער זאַך.

— וועגן דעם אַלעם, — זאָגן זיי מיר מיט אַ שמייכל — אויב עס אינטערעסירט אייך טאַקע אַזוי, וועלן מיר שפּעטער רעדן. לאָ־מיר קודם־כל נישט פאַרשעמען אונדזער גאַסטגעבערין. און דער עיקר: זאָגט אונדז צו, אַז היינט אָוונט גייט איר מער נישט צוריק אין קאַזאַרמע. וועלן מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט צום שמועסן...

געווען איז עס אָנהייב מאַי 1945 אין לוצק. מיר זענען געווען די איינגעלאַדענע געסט פון אַ יידישער נייטאָרין, ס אָ ב י ע ט ע ס ל ע ר, פון מאַרקעוויטש. אויפן טיש האָט זיך געפונען די טראַדיציאָנעלע פלאַש „וואָדקאָ״ און די טראַדיציאָנעלע „זאַקוס־קי״ (צובייסן). פאַרן עסן האָט מען געזונגען יידישע, רוסישע און אוקראַינישע פאָלקס־לידער. דאַן האָט מען גענומען שמועסן צו־

ביסלעך וועגן אַלץ. מיינע פריינט האָבן זיך באַזונדערס פאַראינ־טערעסירט מיטן לעבן אין פראַנקרייך:

— ווי האָט עס אויסגעזען ביי אייך פאַרן קריג? זענען נאָך פאַר־בליבן דאָרט יידן? און ווי זעט אויס די קאָמוניסטישע פאַרטיי? און פאַרוואָס האָט פראַנקרייך אַזוי גיך קאַפּיטולירט? און וועלכע איז אייער מיינונג וועגן דע גאָלן?

דער שמועס גליטשט זיך אומבאַמערקט אַריבער אויף סאָוויע־טישע רעלסן. די צוויי אָפיצירן קענען אויסגעצייכנט דעם ראַטנ־פאַרבאַנד. זיי האָבן ברייט אויסגענוצט די רעכט, וואָס עס גיבן זיי זייערע אָרדנס צו פאָרן אומזיסט איבערן גאַנצן לאַנד. זיי האָבן לעצטנס באַזוכט אוראַל און קאַזאַקסטאַן, קרים און קאַווקאַז, מאָס־קווע, סטאַלינגראַד און לענינגראַד.

ניין, דאָסמאָל בין איך שוין נישט צוריקגעגאַנגען אין דער קאַ־זאַרמע. מיר האָבן נישט באַמערקט ווי אַזוי דער אָוונט און די נאַכט זענען אַדורך.

— אונדזער געשיכטע — האָט אין אַ געוויסן מאָמענט אָנגע־הויבן דער 26־יאָריקער לייטענאַנט י אָ ס ל ג אָ ר ש ט ײ ן — איז זייער אַ פּשוטע: איך שטאַם אַליין פון ק ל ע װ אַ ן און האָב לאַנגע יאָרן געוווינט אין ראָוונע, ווו כ'האָב געאַרבעט פאַר דער מלחמה אַלס בוכהאַלטער. כ'בין געווען פאַרשריבן אין אַ ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע. כ'האָב געוווינט צוזאַמען מיט מיינע על־טערן און מיט מיינע 2 שוועסטערס. ווען די רויטע אַרמיי איז אין 1939 אַריין קיין מערב־אוקראַינע, האָבן יידן פאַרנומען וויכטי־קע מלוכהשע פּאָסטנס. עס זענען געעפנט געוואָרן יידישע שולן און קלובן אין אַלע שטעט און שטעטלעך. ליידער האָט דער גליק־לעכער פּעריאָד נישט לאַנג געדויערט. די דייטשן זענען אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד אַריין צו אונדז און גלייך גענומען פייניקן די יידן. אין קלעוואַן האָבן זיי דעם ערשטן טאָג געכאַפּט 650 מאַן, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן,

אונטערן אָנפיר פון דאָקטער וואַסער, געשאָסן אויפן דייטשן מי־ליטער. זיי האָבן די יידן אַוועקגעפירט אויפן מאַרק־פּלאַץ און דער־שאָסן. דערנאָך האָבן זיי געמאָלדן, אַז עס וועט שוין זיין רואיק און זיי וועלן די יידן נישט טשעפּען. איך און מיין פאַמיליע זענען דעמאָלט אַוועק אין אַן אוקראַאיניש דאָרף און דערנאָך אין דעם שטעטל אָ ל י ק אַ, אַכט קילאָמעטער פון קלעוואַן. די דייטשן האָבן דערנעבן אָרגאַניזירט אַ גרויסן „סאָווכאָז", ווי זיי האָבן עס חוזקדיק אָנגערופן. געווען איז דאָס אַ ריזיק גוט, וואָס דער פּויליי־שער „פּאַטריאָטישער" שלאַכטשיץ ר אַ ד ז ש י וו י ל האָט גע־שענקט הערמאַן גערינגן אַלס מתנה. צוערשט זענען דאָרט געווען אַ צוויי־דריי הונדערט יידן. אין אַ געוויסן פּרימאָרגן האָט מען אַהינגעבראַכט ביז פינף טויזנט יידן, באַגלייט פון אַכט הונדערט ס.ס. און אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן גענומען קלייבן און דורכזיפּן די קרבנות, מאַכן „יידן־אַקציעס", באַשטימען אויף „אַנ־דערע אַרבעטן" און אַוועקשיקן אין „אומבאַשטימטע ריכטונגען".

שוין צו יענער צייט האָט ביי גאַרשטיינען אָנגעהויבן רייף ווערן דער געדאַנק, אַז מען טאָר נישט בלייבן פּאַסיוו, אַז מען דאַרף זען עפּעס צו טאָן, אַז הינטער די דייטשע גוטע ווערטער און צוזאָגן ליגן באַהאַלטן גרויזאַמע כוונות. ער האָט גענומען רעדן מיט די דאָרטיקע יידן וועגן צוגרייטן זיך צום קאַמף, וועגן זאַמלען געווער. ליידער האָט ער נישט געפונען קיין סך אָנהענגער. קודם־כל זענען פיל פון די בעסטע, קעמפערישע עלעמענטן אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך די דייטשן גלייך אין די ערשטע טעג. אַנדערע זענען פרייוויליק אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי ביי איר צוריקטריט. אָבער דער עיקר האָבן דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל די טייוולאָנישע מעטאָדן פון די נאַציס. מאַכנדיק אַ פּאָגראָם אין איין שטעטל, האָבן זיי גלייכצייטיק באַרואיקט די יידן אין אַן אַנדער שטעטל: „צו אייך האָבן מיר גאָרנישט, איר זענט גוטע יידן; איר מוזט בלויז זיין לאָיאַל און אַרבעטן, וועט אייך גאָרנישט געשען". זיי האָבן

אויך געזוכט צו צעטיילן די יידן צווישן זיך אויף רייכע און אָרע־מע. די, וואָס האָבן געהאַט גאָלד אָדער ווערטזאַכן, האָבן באַקומען גוטע פּאָסטנס און מען האָט זיי נישט געטשעפּעט. פאַרשטייט זיך, אַז שפּעטער האָט מען אויך זיי אויסגעשאָכטן. דערווייל אָבער האָבן די דייטשן אַלץ געטאָן, כדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז מיט געלט און מיט דינען זיי טריי קען מען זיך אויסקויפן.

נאָכמער: אַפילו די יידן, וועמען די נאַציס האָבן אַוועקגעפירט צו דער הריגה, האָבן געדאַרפט דינען דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע. פאַר די איבערגעבליבענע האָט עס געהייסן, אַז זיי אַרבעטן ערגעץ נישט ווייט, און די נאַציס פלעגן הייסן זיי זאָלן ברענגען יעדן חודש פּעקלעך פאַר אָט די יידן, וועלכע זענען שוין זינט לאַנגע חדשים געווען דערמאָרדעט! די דייטשן האָבן אויך אַלץ געטאָן, כדי מאָ־ראַליש צו דערנידעריקן די יידן און באַרויבן זיי פון יעדן געפיל פון איינגנווירדע.

— אָנהייב 1942 — זעצט גאָרשטיין פאָר — זענען די דייטשן געוואָרן נאָך חוצפּהדיקער. זיי האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר די הערשער פון דער וועלט. איך האָב שרעקלעך געליטן מאָראַליש. כ׳האָב נישט געוואָלט אַראָפּבייגן פאַר זיי דעם קאָפּ און אויך נישט האָרעווען פאַר געריננגן. איך בין דעריבער אַנטלאָפן אין וואַלד און גענומען אַרבעטן ביי אַן אוקראַיִנישן וואַלד־וועכטער, אַלעקס יו־זעפטשוק, וואָס איז געווען זייער גוט צו מיר. דאָרט האָב איך לאַנ־גע חדשים נישט אָנגעקוקט קיין דייטש. דער געדאַנק אָבער צו שאַפן אַ באַוואָפנטע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט שטענדיק געעגבערט מיין מוח.

„דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט מיך צו דער רעשט דעצידירט: דעם 15־טן מאַי האָבן די דייטשן געמאַכט אַ שוידערלעכן פּאָגראָם אין קלעוואַן, וואָס איז געוואָרן פולשטענ־דיק „יודנריין". פון 4000 יידן זענען פאַרבליבן 15, פון וועלכע אַ קריסטן, י אַ ק י מ אָ וו , האָט אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר

אויסבאַהאַלטן ?. אויך מיין גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען בעתן דאָזיקן פּאָגראָם. אַלץ אין מיר האָט גענומען שרייען נאָך נקמה״.

גאָרשטיין האָט זיך דאַן אָנגעטראָפן אויף זיין חבר ז י ש ע כ אַ י ט ש י ק פ ו ן ק אָ ל ק י ; אָט דער טאָקע, וואָס זיצט לעבן אונדז אין זיין לייטענאַנט־מונדיר. כאַטש ביי אים אין שטעטל איז נאָך געווען פאַרהעלטנישמעסיק רואיק, האָט דער דעמאָלט 27־יאָריקער מילנער, כאַיטשיק, אויך נישט געקענט רוען און ער איז געקומען אָפזוכן אין די וועלדער זיין חבר יאָסל. און געקומען איז ער נישט אַליין. ער האָט מיטגעבראַכט עטוואָס זייער ווערטפולס —אַ בעלגישן פּיסטאָלעט.

און אָט אַזוי איז פון די צוויי יונגעלייט און איין בעלגישן רע־וואָלווער געוואָרן די ערשטע פּאַרטיזאַנער־גרופּע. דאָס זענען בכלל געווען די ערשטע פּאַרטיזאַנער אין יענער געגנט, אין אָט דעם מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן מאַרשירט פאַרשייט און זיכער אין זייער זיג אויף סטאַלינגראַד און קאַווקאַז.

אינגיכן איז צו זיי צוגעקומען אַ דריטער: א ב ר ה ם ק י־פ ע ר, אויך פון קאָלקי. זיי האָבן צוזאַמען באַשלאָסן צו אָרגאַני־זירן אַ יידישע ווידערשטאַנד־גרופּע, וואָס זאָל האָבן איר באַזע אין דערנעבנדיקן צומאַנער וואַלד און וואָס זאָל נקמה נעמען אין די דייטשע אָקופּאַנטן און אין זייערע פאַשיסטישע אוקראַאינישע מיטהעלפער. פּראַקטיש האָט זיך געהאַנדלט אין באַקומען געווער פאַר יעדן פּרייז, אַריינציען וואָס מער עלעמענטן פון די געטאָס און שאַפן אין די וועלדער ערטער, ווו מען זאָל קענען אויסבאַ־האַלטן די אומפּעאיקע צום קאַמף.

אין דער זעלבער נאַכט הייבן די דריי פּאַרטיזאַנער אָן צו רע־אַליזירן דעם ערשטן פּונקט פון זייער פּראָגראַם. אונטערן אָנפיר פון כאַיטשיקן רייסן זיי זיך אַריין צו דריי וואַלד־וועכטער און נעמען צו ביי זיי דריי ביקסן.

— געמאַכט האָבן מיר עס אַזוי, — קלערט מיר כאַיטשיק אויף.

— איך בין אַריין אין שטוב מיט מיין רעוואָלווער, אויסשרייענ־דיק פאַרן אריינקומען: „אַרומרינגלען!!!״. מען זאָל מיינען, אַז מיר זענען אַ גאַנצע מחנה. נאָך מיר איז אַריין גאָרשטיין מיט אַ פון האָלץ אויסגעשניצטער „ביקס״. עס האָט זיך איינגעגעבן, און די צום־טויט־איבערגעשראָקענע וואַלד־וועכטער האָבן אונדז אַנטקעגנ־געטראָגן זייער געווער.

האָבנדיק שוין צו זייער דיספּאָזיציע דריי ביקסן און אַ פּיס־טאָלעט, זענען אונדזערע פּאַרטיזאַנער געוואָרן גאַר האָפערדיק און האָבן זיך גענומען גרייטן צו גרעסערע אַקציעס.

דערווייל איז דער אָפּקלאַנג פון דאָזיקן איבערפאַל געווען אַ זייער שטאַרקער אין דער אומגעגנט. מען האָט גענומען רעדן אין די שכנותדיקע שטעטלעך און דערפער, אַז אין די וועלדער האָבן זיך באַוויזן פּאַרטיזאַנער. מען האָט אַפילו שוין געוווסט צו דער־ציילן וועגן הונדערטער פּאַרטיזאַנער, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס, און אַפילו מיט קאַנאָנען...

פון די אַרומיקע שטעטלעך האָבן אָנגעהויבן אָנקומען יידישע יינגעלייט, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם דריילינג, אַנדערע פלעגט מען פשוט אַרויסנאַרן פון די געטאָס און זיי „מאָביליזירן״. אַלע אָבער, אַפילו די, וואָס האָבן פון אָנהייב זיך געוואַקלט, זענען מיט דער צייט געוואָרן גוטע, אומדערשראָקענע קעמפער. כאַיטשיק פלעגט אָפט זיך אַריינגנבענען אין געטאָ פון קאָלקי און אַרויס־פירן פון דאָרט צענומענע טיילן געווער, וואָס איז דאָרט באַהאַלטן געוואָרן נאָכן צוריקטריט פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

— מיר האָבן דעמאָלט געלעבט אין וואַלד — דערציילט גאָר־שטיין ווייטער — און זיך דערנערט מיט קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן אין פעלד.

„איין טאָג דערוויסן מיר זיך, אַז אין אַ דערבייאיק יידיש פוי־ערן־דאָרף, אָסאָוואַ, איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע שחיטה. די

דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט צוויי טויזנט יידן, דאָרטיקע איינ־וווינער און צונויפגעטריבענע פון דער אַרומיקער געגנט. די אַלע יידן זענען פריער געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן פון אינדערפרי ביז ביינאַכט ביים שניט. ווען די תבואה איז שוין געווען אַריינגע־בראַכט אין די שייערן, האָבן די נאַציס אַדורכגעפירט די „אַקציע" און געמאַכט דאָס דאָרף „יודען־ריין", אַראָפּבררענגענדיק אויף זייער אָרט דייטשע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן גענומען באַלעבאַטעווען מיטן יידישן האָב־און־גוטס.

„מיר האָבן באַשלאָסן צו נעמען נקמה און אָנצולערנען די דייט־שען, אַז יידיש בלוט איז נישט הפקר און אַז מען מאָרדעט נישט און מען ראַבעוועט נישט אומבאַשטראָפט. מיר זענען ביינאַכט אַוועק אין דאָרף און עס אונטערגעצונדן. די תבואה און די הייזער זענען אַוועק מיטן רויך. אַ גרעסערע צאָל דייטשן זענען פאַרברענט געוואָרן".

די פאַרטיזאַנער איז געוואָרן אַביסל פרייליכער אויפן האַרצן. אַפילו, האָבן זיי זיך געזאָגט, ווען זיי זאָלן אומקומען, וועלן זיי קענען שטאַרבן מיט אַ רואיק געוויסן, האָבנדיק כאָטש עפּעס אויפגעטאָן קעגן די נאַצישע באַנדיטן. זיי האָבן גענומען בויען פּלענער וועגן לאָזן זיך אין וועג אַריין, וועגן גיין ביז סטאַלינ־גראַד, כדי זיך דאָרט אָנצושליסן אין דער רויטער אַרמיי. די מענטשן זענען געווען גרייט אויף אַלץ, באַזונדערס ווען אין די אַרומיקע שטעטלעך זענען שוין כמעט אַלע יידן אויסגעהרגעט געוואָרן.

די פאַרטיזאַנער, זייער צאָל האָט שוין דערגרייכט ביז צוואַנ־ציק, פלעגן איבערפאַלן פּאָליציי־פּאָסטנס, קלענערע גרופּעס דייטשן און אַזוי אַרום זיך איינשאַפן געווער און שפּייז. אַן אימה איז באַ־פאַלן די ס.ס.־לייט אין דער געגנט, ווי אויך די אוקראַינישע און פּוילישע פאַשיסטן. אַלע האָבן זיי גענומען רעדן וועגן גאַנצע קאָמ־פּאַניעס סאָוויעטישע פאַראַשוטיסטן, וואָס באַהערשן די וועלדער און באַן־ליניעס. אַ באַזונדערס געוואַלדיקן רושם האָט געמאַכט

דער איבערפֿאַל אויף דער ראָזאַנער קאָמענדאַנטור. אָט ווי כאַטשיק דערציילט וועגן דעם:

— די קאָמענדאַנטור איז געווען דאָס שרעק־וואָרט פֿון אַלע איינוווינער אַרום. דער קאָמענדאַנט דערקאַטש מיט זיינע פּאָליציאַנטן פֿלעגן איבערפֿאַלן דערפֿער, אויסמאָרדן אַלע אוקראַינער און פּאָלאַקן, אויף וועלכע עס איז געווען אַ חשד, אַז זיי זענען קעגן די דייטשע אָקופּאַנטן. באַזונדערס זענען זיי געווען אכזריותדיק צו די יידן. זיי פֿלעגן מאַכן אָבלאַוועס מיט הינט אין אַלע וועלדער, כדי אויסצוגעפֿינען די דאָרט־פֿאַרבליבענע יידן, זיי צו פּייניקן און דערמאָרדן. מיר האָבן באַשלאָסן אָנצולערנען די דאָזיקע באַנדיטן.

„איינמאָל אין אָוונט זענען מיר, זאַלבע־זעקסט, אַוועק צו דער קאָמענדאַנטור. ביים הויז איז געשטאַנען אַ ציווילע וואַך. מיר האָבן זיי צוגעשטעלט רעוואָלווערן צום קאָפּ און באַפֿוילן זיי זאָלן שרייען: „עפֿנט אויף, עס זענען דייטשן”!

די פּאָליציאַנטן אינעווייניק האָבן אָבער דערהערט אַן אַמפּעריי און וויסנדיק שוין וועגן דער עקזיסטענץ פֿון פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי דערפֿילט, אַז דאָס מוזן נישט זיין קיין דייטשן. זיי האָבן נישט געעפֿנט און גענומען זיך פֿאַרבאַריקאַדירן. גאָרשטיין האָט דאַן אַ געשריי געטאָן אויף אוקראַיניש: „אַרומרינגלען, גראַנאַטן גרייטן!”...

„מיר האָבן אויפֿגעריסן די טיר, איך בין אַרויף אויפֿן טיש מיט צוויי פּיסטאָלעטן אין די הענט, די אַנדערע זענען אַריין נאָך מיר, נאָכדעם ווי זיי האָבן געבונדן די וואַך אין דרויסן. אונדזער טאַקטיק האָט געהאַט אַ פֿולן דערפֿאָלג. גלייך איז אונדז אַנטקעגנגעלאָפֿן איין פּאָליציאַנט מיט די הענט אין דער הייך, הינטער אים אַ צווייטער. צוויי אַנדערע האָבן געפּרוווט זיך ווערן. זיי זענען אָבער געוואָרן אַנטוואָפֿנט. מיר האָבן זיי אַלעמען געבונדן די הענט און אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנט, איבערלאָזנדיק צוויי פּאַרטיזאַנער זיי צו היטן. די אַנדערע האָבן גענומען זוכן געווער און שפּייז.

„אין גרויסן צימער, ווו מיר זענען אַריין, איז געווען אַ שטאַרקע אומאָרדענונג. עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דר'ערד פּלע־שער פון שנאַפּס, אָנטועכץ, און אויפן טיש איז נאָך געשטאַנען אָנגעשטעלט צו עסן און צו טרינקען. מיר האָבן זיי, ווייזט אויס, געשטערט אין אַ גרויסער סעודה. אָבער דאָס איז נישט געווען אַלץ. אין בעט, איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, האָבן מיר געפונען צוויי נאַקעטע, צום טויט־דערשראָקענע „נקבות", וועלכע האָבן גענו־מען וויינען, מען זאָל זיי נישט דערהרגענען. פאַרשטייט זיך, אַז די נקבות זענען אונדז ווייניק געקראָכן אין זינען אַריין. מיר האָבן געזוכט דעם קאָמענדאַנט.

„— ווו איז דערקאַטש? — האָבן מיר געפרעגט.

„— מיר ווייסן נישט... — האָבן זיי געענטפערט.

„מיר האָבן אָבער לעבן בעט געפונען דעם קאָמענדאַנטס רימען און גענומען דראָען די נקבות, אַז מיר וועלן זיי דערשיסן, אויב זיי זאָגן אונדז נישט גלייך, ווו דער קאָמענדאַנט איז.

„— ער איז אַנטלאָפן אויפן בוידעם — האָבן זיי דאַן דער־קלערט.

„מיר זענען גלייך אַרויף אויפן בוידעם און מיר האָבן אים גע־פונען. ער איז אונדז אַנטקעגנגעגאַנגען אַ טויט־בלאַסער, מיט אויפ־געהויבענע הענט און כסדר איבערגעחזרט: „איך גיב זיך אונטער... איך גיב זיך אונטער... האָט רחמנות אויף מיר... דערשיסט מיך נישט"...

„מיר האָבן אים צוגענומען זיין נאַגאַן, אים אַראָפּגעשלעפּט אונטן און געמאַכט אַ קורצן משפּט. די וואָס זענען געווען באַקאַנט, אַז זיי האָבן געמאָרדעט יידן אָדער ערלעכע אוקראַינער, האָבן מיר גלייך אָװעקגעלייגט. די אַנדערע האָבן מיר איבערגעלאָזט און זיי געזאָגט: „אָט זעט, וואָס מען טוט מיט די, וואָס מאָרדן אומ־שולדיקע מענטשן! מיר לאָזן אייך לעבן, כדי איר זאָלט דאָס קענען דערציילן אַלע אַנדערע אויסוורפן פון אייער גלייכן. מיר וואָרע־

נען אייך אָבער, אַז דער ערשטער פון אייך, וואָס וועט וואַגן אויפֿ־
צוהייבן אַ האַנט אויף אַ ייד, אָדער אַן אָרעמען אוקראַינישן פּויער, וועט האָבן דעם זעלבן סוף ווי אייערע חברים דאָ".

— מיר זענען טאָקע באַגאַנגען — גיט צו גאָרשטיין — אַ גרויסן פּעלער, וואָס מיר האָבן זיי אַלעמען נישט אָוועקגעלייגט דעמאָלט. מיר האָבן נאָך געהאַט צו־ווייניק הערצער. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז זיי פירן ווייטער די זעלבע אַרבעט. מיר האָבן זיי אָבער אָפּגעפונען און קיין איינער פון זיי איז נישט אַרויס קיין לעבעדיקער פון אונדזערע הענט.

●

דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל האָט שוין געציילט פערציק מיט־גלידער. עס איז נישט דורך קיין טאָג, אַז ער זאָל נישט האָבן עפּעס אויפגעטאָן. די פּאַרטיזאַנער האָבן אָפּערירט אין דריי ראַיאָנען: צומאַן, קאָלקי, סטידין. זיי האָבן אַדורכגעפירט פיל סאַבאָטאַזש־אַקטן. שטייענדיק אין פאַרבינדונג מיט די קאָמוניסטיש־געשטימטע פויערן, האָבן זיי געענוי געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אין די דערפער און שטעטלעך. יעדער פּאָליציאַנט, וואָס האָט באַזונדערס אייפעריק געאַרבעט פאַר די דייטשן, איז אַראָפּגערוימט געוואָרן. דאָס זעלבע מיט די סטאַראָסטעס („גאָלאָוואַ"). יעדעס מאָל, ווען עס זענען פאָרגעקומען רעקוויזיציעס פון בהמות פאַר דער ווערמאַכט, פלעגן די פּאַרטיזאַנער באַפאַלן די טשערעדעס, דערשיסן די באַגלייטער, פאַרניכטן די רעקוויזיציע־דאָקומענטן, צונעמען אַ קו אָדער צוויי פאַר זיך און לאָזן די איבעריקע זיך צעלויפן, יעדע צו איר באַלעבאָס. איינמאָל זענען זיי איבערגעפאַלן אַלע מעלקערייען אין דער געגנט, וועלכע האָבן אויסשליסלעך געאַרבעט פאַרן דייטשן מיליטער, און זיי אויפגעריסן. די פויערן זענען געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן, ווייל זיי האָבן געמוזט ליפערן די גאַנצע מילך פאַר די דייטשן. פיל מאָל האָבן די פויערן־עלטסטע

זיך אַליין געוואָנדן צו די פּאַרטיזאַנער, זיי זאָלן אויפרייסן אַ שעכטהויז, אַ מעלקעריי, אַ סקלאַד. קומענדיק אַהין, פלעגן די פּאַרטיזאַנער אָפט טרעפן די שלעסער אויף די טירן נישט פאַרשלאָסן און אויפן טיש עטלעכע פלעשער בראָנפן... זיי פלעגן אויך פון צייט צו צייט אָפּשלאָגן גרופּעס מענטשן, וועלכע די געשטאַפּאָ און די אוקראַינישע פּאָליציאַנטן האָבן געכאַפּט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך געיאָגט נאָך די פּאַרטיזאַנער, האָט אָרגאַניזירט אָבלאַוועס. זייענדיק אָבער געוואָרנט דורך דער אַרומיקער באַפעלקערונג, פלעגן זיי כמעט שטענדיק באַווייזן צו טוישן צום געהעריקן מאָמענט זייער אויפהאַלט־אָרט. אָפט איז אויך געקומען צו צוזאַמענשטויסן, פון וועלכע די פּאַרטיזאַנער פלעגן אָבער אַרויס מיט קליינע פאַרלוסטן.

— מיר האָבן זיך אַמאָל דערוווּסט, — דערציילט גאָרשטיין — אַז אַ וואַלד־וועכטער האָט אויסגעגעבן יידן. האָבן מיר אַהינגעשיקט צו אים 5 מאַן, וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט ביי אים אין הויז מיטן אויסגעשריי: „עפן גלייך אויף, דו שווייַן! דו באַהאַלטסט אויס ביי זיך יידן!״. „וואָס, איך באַהאַלט אויס יידן? — האָט דער וועכטער אויסגערופן, אַ באַליידיקטער, זייענדיק זיכער, אַז ער האָט פאַר זיך דייטשן — איך אַליין האָב שוין אַוועקגעלייגט אפשר אַ צוואַנציק שטיק!״... אונדזערע האָבן אים באַפוילן, אַז ער זאָל עפענען די טיר. ווי נאָר ער האָט דערזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן, איז ער געוואָרן ווייס ווי קאַלך. „כלאָפּצי, — האָט ער אַרויסגעמורמלט — איך בין פאַרלוירן״... פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דעם הונט גלייך אַוועקגעלייגט.

„צו יענער צייט — זעצט גאָרשטיין פאָר — האָבן מיר שוין געהאַט צו עסן און טרינקען, וויפל מיר האָבן נאָר געוואָלט. מיר זענען געווען וואַרעם און גוט אָנגעטאָן. געווער האָבן מיר געהאַט גענוג, דערונטער אַ קוילנוואַרפער, וואָס איז אונדז גוט צונוצגעקו־

מען. מיר זענען אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די סאָוויע־טישע פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער געגנט, און מיר האָבן צוזאַמען מיט זיי אויפגעריסן אייניקע באַן־קנופּן, צווישן אַנדערן דעם באַן־קנופּ פון קיווערץ, לעבן קאָוועל.

„די אָבלאַוועס קעגן אונדז זענען אָבער געוואָרן אַלץ אָפטערע. די דייטשן האָבן גענומען שיקן גאַנצע אָפטיילונגען געשטאַפּאָווצעס אונדז צו זוכן. אַוויאַנען האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַווייזן איבער די וועלדער, מיטן ציל אויסצושפּירן די „חוצפּהדיקע יידישע באַנדעס". עס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועלן מיר דאַרפן פירן אַ שלאַכט קעגן אומפאַרגלייכלעך גרעסערע דייטשע מיליטערישע כוחות. דערוויסנדיק זיך וועגן שטאַרקע פאַרטיזאַנישע מחנות אין דער געגנט פון פינסק, האָבן מיר באַשלאָסן זיך מיט זיי צו פאַראייניקן, כדי אַזוי אַרום קענען אונטערנעמען קאַמפן אין אַ פיל ברייטערן פאַרנעם. עס איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצושיקן אַכט מאַן, וואָס זאָלן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט און העלפן דערנאָך אַריבערפירן די אַנדערע.

„צווישן דער אויסשפּיר־גרופּע האָבן זיך געפונען כאַייטשיק און איך. מיר האָבן געהאַט 2 פורן. מיר זענען געפאָרן ביינאַכט, און בייטאָג פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן אין אַ פאַרוואָרפן פויעריש הויז, פון וועלכן מיר זענען קיינמאָל נישט אַרויס איידער ס׳איז געוואָרן טונקל. אַזוי האָבן מיר אַדורכגעמאַכט 300 קילאָמעטער".

אין איינעם פון אָט די דערפער האָבן די פאַרטיזאַנער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ צווייטער גרופּע קעמפער, וועלכע איז אויך געגאַנגען אין דער ריכטונג פון די סאָוויעטישע פאַרטיזאַנער. דאָס זענען געווען 14 יידישע יונגעלייט פון ז אָ פּ י ו ו ק ע, אָנגעפירט פון אַן אוקראַינישן קאָמענדאַנט. זיי זענען געווען גוט באַוואָפנט און פאַרמאָגט צוויי קוילנוואַרפער. ביידע גרופּעס האָבן זיך פאַראייניקט און פאַרגעזעצט דעם וועג זאַלבע דריי־און־צוואַנציק.

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיי אָנגעטראָפן איינציקע רוסן, אָנגעטאָן אין דייטשע ווערמאַכט־מונדירן. דאָס זענען געווען סאָ־וויעטישע פּאַראַשוטיסטן. די פרייד איז געווען אַ גרויסע, ווייל די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיי איבערגעגעבן, אַז נישט ווייט געפינען זיך די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן אונטער דער אָנפירונג פון באַרימטן גע־נעראַל קאָווּפּאַק. די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיי דורכגעפירט דורך אַ בריק, לעבן וועלכער זיי האָבן אָבער געמוזט דורכפירן אַן אמתע שלאַכט, וואָס האָט געדויערט צוויי שעה, קעגן אַ דייטשער אָפּטיי־לונג, וועלכע איז זיי באַפאַלן, קומענדיק פון די וועלדער אַרום. זיי האָבן דעם איבערפאַל אָפּגעשלאָגן, האָבנדיק איין שמערצלעכן פאַרלוסט: דער אוקראַינישער קאָמענדאַנט איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, און כדי נישט אַריינצופאַלן צו די דייטשן אין די הענט, האָט ער זיך אַליין דערשאָסן.

שוין אין זעלבן טאָג האָבן זיי זיך געפונען אויף דער טערי־טאָריע, וואָס איז קאָנטראָלירט געוואָרן דורך קאָווּפּאַקס אָפּטיילן. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געווען אין הינטערלאַנד פון די דייטשן און פיל הונדערטער קילאָמעטער ווייט פון די סאָ־וויעטישע פּאָזיציעס, זענען קאָווּפּאַקס איינהייטן געווען די באַלע־באַטים פון דער געגנט. אַלע דערפער און שטעטלעך אַרום זענען דורך זיי געווען קאָנטראָלירט און אָנגעפירט. די דייטשן האָבן מורא געהאַט זיך צו דערנעענטערן. דאָס זענען שוין מער נישט געווען קיין איינצלנע, צופעליקע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, נאָר אַ גלענצנד־אָרגאַניזירטע אַרמיי, מאָדערן באַוואָפנט, מיט קאַנאָנען, לאַסט־אויטאָס און אַפילו טאַנקן.

— עס איז זיך אוממעגלעך פאָרצושטעלן — דערציילט אונדז כאַיטשיק — די פרייד אונדזערע. מיר זענען גלייך אויפגענומען געוואָרן דורך קאָווּפּאַקן אַליין, וואָס האָט שוין געהאַט געהערט וועגן אונדזער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וועלכע ער האָט באַצייכנט מיטן נאָמען „דער קאַלקי־אָטריאַד", דער ערשטער אין מערב־

אוקראַינע. ער האָט זיך מיט אונדז צעקושט, אויסגעדריקט אָנער־קענונג פאַר אונדזער אַרבעט און דערקלערט, אַז ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ גרופּע אונדז אויפצוזוכן און אַהערצוברענגען.

מיינע מיטשמועסער האַלטן פאַר נייטיק איבערצורייסן אויף אַ ווײַלע זייער געשיכטע, כדי מיך צו באַקענען אין עטלעכע שטריכן מיט דער פּרעכטיקער געשטאַלט פון קאָוופּאַק, וואָס איז איינער פון די פּאָפּולערסטע מענטשן אין ראַטנפאַרבאַנד. קאָוופּאַק, דערציילן זיי מיר, דאָס איז דער לעגענדאַרער פּאַרטיזאַנער־פירער פון צווייטן וועלט־קריג. ער קען בלויז פאַרגליכן ווערן מיט דער פיגור פון אַ טשאַפּאַיעוו, אָבער אין גרעסערן פאַרנעם. אין דעם קריטישסטן פּעריאָד פאַר דער רויטער אַרמיי, אין זומער 1942, האָט די סאָוויע־טישע מיליטערישע אָנפירונג אַראָפּגעלאָזט מיט אַ פּאַראַשוט דעם אוקראַינישן פויער קאָוופּאַק, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען זעכציק יאָר, ער זאָל צונויפזאַמלען און אָרגאַניזירן די פאַרשידענע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אין אוקראַינע. קאָוופּאַק, וועלכער האָט זיך שוין אויסגעצייכנט אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן בעתן בירגער־קריג, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס מענטש פון אומגעהייערע אָרגאַ־ניזאַטאָרישע און מיליטערישע פעאיקייטן. אין אַ קורצער צייט האָט ער באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ קליינע, אָבער אומבאַזיגבאַרע אַרמיי, וואָס האָט געשפּילט אַן ערשטראַנגיקע ראָל אינעם קאַמף פאַר פאַרניכטן די היטלערישע כוחות. ווי אַ שטורעם האָבן זיך קאָוופּאַקס חיילות דורכגעטראָגן איבער גאַנץ אוקראַינע, איבער ווייס־רוסלאַנד, איבער פּוילן ביז לובלין און זיי זענען אַפילו גע־ווען די ערשטע, וועלכע האָבן אַדורכגעפירט אין אָנהייב 1944 די־ווערסיע־איבערפאַלן אויף דער דייטשער טעריטאָריע, אין מזרח־פּרייסן. דערביי איז קאָוופּאַק געווען אַ האַרציקער מענטש, אַ גע־טרייער פריינט פון זיינע פּאַרטיזאַנער.

— וועגן אָט דעם פּעריאָד, דעם גליקלעכסטן אין אונדזער לעבן, —

ג׳יט צו גאָרשטיין — וועלן מיר אייך קיין סך נישט דערציילן, ווייל וועגן קאָוופּאַקן און זיין רומפולער אַרמיי איז שוין אַזויפיל גע־שריבן געוואָרן און עס וועלן נאָך פיל ביכער געשריבן ווערן. מיר האָבן אין דער דאָזיקער אַרמיי מיטגעקעמפט און אונדזערע אויס־צייכענונגען האָבן מיר טאַקע דאָרט געוווּנען.

די ערשטע פאַראָרדענונג פון קאָוופּאַקן, גלייך ווי אונדזערע פּאַרטיזאַנער זענען צו אים אָנגעקומען, איז געווען אַרויסצושיקן אַ גרופּע אָפּצוזוכן די 32 פאַרבליבענע פון קאָלקי־אַטריאַד. כאַיטשיק מיט נאָך דריי יידן און דריי „קאָוופּאַקיסטן״ זענען געווען פריוווי־ליקע אַדורכצומאַכן נאָכאַמאָל די איבער 300 קילאָמעטער אַהין און 300 צוריק אינעם דייטשן הינטערלאַנד.

די דאָזיקע עקספּעדיציע איז געווען זייער אַ שטורמישע. עס איז אויסגעקומען כמעט אָן איבעררייס צו קעמפן קעגן דייטשן מיליטער, קעגן דער פּאָליציי. כאַיטשיק מיט זיינע חברים האָבן דורכגעפירט אַ ריי העלדישע אַקציעס. זיי זענען ענדלעך אָנגעקו־מען אין וואַלד, וווּ זיי האָבן איבערגעלאָזט זייערע 32 חברים. זיי האָבן שוין אָבער דאָרט קיינעם מער נישט געפונען. פון די פויערן פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיי זיך בלויז דערוווּסט, אַז עס זע־נען אין משך פון זייער אָפּוועזנהייט פאָרגעקומען אין די וועלדער גרויסע אָבלאַוועס פון דער געשטאַפּאָ. זענען זיי אַלע אומגעקומען? זענען זיי זיך צעלאָפן און זיך איבערגרופּירט? לעבן זיי נאָך? אין מאָמענט, ווען איך האָב גערעדט מיט די צוויי לייטענאַנטן, האָבן זיי נאָכנישט געקענט געבן קיין ענטפער אויף אָט די פראַגן.

כאַיטשיק מיט זיין גרופּע זענען צוריקגעקומען צו קאָוופּאַקן מיט אַ ניי צעטל העלדנטאַטן אויפן צוריק־מאַרש. זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט פיל פרייוויליקע, וואָס זיי האָבן רעקרוטירט אויפן וועג.

פאַר זייער קאַמף אונטער קאָוופּאַקס קאָמאַנדע, אין וועלכן כאַיטשיק איז פאַרוווּנדעט געוואָרן פיר מאָל און גאָרשטיין דריי

מאָל, האָט יעדער פון זיי באַקומען די אויסצייכענונגען: רויטע פאָן, פּאַרטיזאַנער־מעדאַל און פאָטערלאַנד־קריג. עס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן פאַר זיי דער לענין־אָרדער.

— איך וויל אייך נאָר צוגעבן — פאַרענדיקט גאָרשטיין, וואַר־פענדיק מיט אַ שמייכל אַ בליק צום פענצטער, דורך וועלכן עס נעמען אַריינקוקן די ערשטע שטראַלן פון דער פרימאָרגן־זון — אַז די קאָוופאַק־אַרמיי האָט מיט זיך שטענדיק מיטגעפירט הונדער־טער און אָפט טויזנטער יידישע אַלטע לייט, פרויען און קינדער, וועלכע זי האָט באַשפייזט און באַשיצט. אין דער שטאָט ס ק אַ־ל אַ (גאַליציע) האָבן מיר באַפרייט פון אַ טויטן־לאַגער 600 יידן, וועלכע לעבן אַלע. אין דער געגנט פון לובלין האָבן מיר אויפגע־נומען 25 יידן. מיר האָבן אויך, אַדורכרייסנדיק זיך דורך די דייַ־טשע ליניעס, אַריבערגעפירט פיל הונדערטער יידישע פרויען און קינדער אין דער סאָוויעטישער זאָנע.

ק אַ פּ י ט ל 14

אַנופרי וואַוורניוק

1.

ווען די היטלעריסטן זענען זומער 1941 אַריין אין דער גרויסער סאָוויעטישער שטאָט דניעפּראָפּעטראָווסק, האָבן זיי גלייך גענומען אויסראָטן די דאָרטיקע יידן. אָנגעהויבן האָבן זיי מיט דורכפירן צווישן זיי אַ רעגיסטראַציע, כלומרשט צוליב אַרויסגעבן זיי ברויט־קאַרטעס. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון די שטובן ביז אַכצן טויזנט יידן, געהייסן מיטנעמען אַלע זייערע ווערט־זאַכן און עסן אויף צען טעג, כדי צו פאָרן „אויף אַ וויטער רייזע״. געווען זענען דאָס דער עיקר פרויען און קינדער, ווייל די מענער האָבן זיך אין דער גרעסטער צאָל געפונען אין דער רויטער אַרמיי, אָדער זענען מיט איר אַוועק.

ווען די קרבנות זענען געווען צונויפגעזאַמלט, האָבן די נאַציס ביי זיי קודם כל אַלץ צוגערויבט, דערנאָך אַרויסגעטריבן אויפן פלי־פלאַץ און דאָן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אַדורכגעפירט דאָס אויסמאָרדן זיי. געשען איז עס דעם 13־טן סעפּטעמבער 1941.

צווישן די יידן, וואָס זענען אַוועקגעפירט געוואָרן צו דער שחיטה, האָט זיך אויך געפונען די דעמאָלט 47־יאָריקע חיה־רחל וואַוורניוק (פון דער היים זעלענבערג) מיט אירע 3 קינדער.

— געווען איז עס אַ ווינטערדיקער טאָג — דערציילט מיר פרוי וואַוורניוק — און אויפן הויף איז געווען תשעה־באב. מען האָט אַוועקגעריסן די קינדער פון די מאַמעס. די דערוואַקסענע מענטשן האָט מען אַריינגעפּאַקט אין באַראַקן און די קינדער האָט מען אַוועקגעפירט...

מען האָט זיי, די יידישע קינדער, נישט געפירט ווייט, און די מאַמעס האָבן גלייך געגומען הערן די יללות פון זייערע טייער־סטע, ווען די ס.ס.־סאַדיסטן האָבן געשאָכטן און דערנאָך אַריינ־געוואָרפן אין די גריבער, וואָס זענען שוין געווען פון פריער צו־געגרייט. דאָרט זענען אויך אומגעקומען די דריי קינדער פון חיה־רחלען.

נאָכמיטאָג איז געקומען די ריי אויף די דערוואַקסענע.

— הונדערטער צעווילדעוועטע דייטשן — זעצט פאָר פרוי וואַוורניוק — מיט רציחהדיקע פּנימער און רעוואָלווערן אין די הענט האָבן אונדז געיאָגט. צוגעקומען צו די גריבער, האָבן זיי געצוואונגען זיך אויסצוטאָן נאַקעט און דאַן אַריינגעשטופּט אין די גריבער, וווּ אַלע זענען געווען צונויפגעקוועטשט ווי די הערינג. ווען אַ גרוב איז געוואָרן פול מיט מענטשן, האָבן די באַנדיטן גע־נומען שיסן מיט קוילנוואַרפער.

חיה־רחל איז געראַטעוועט געוואָרן אין דער סאַמע לעצטער מי־נוט, ווען זי איז שוין אַן אויסגעטאָנענע געשטאַנען ביים גרוב. און געשען איז עס אַזוי: ווען די נאַציס האָבן זי אַרויסגענומען פון שטוב צוזאַמען מיט אירע קינדער, האָבן זיי איבערגעלאָזט איר מאַן, דעם אוקראַינער אַנופּרי וואַוורניוק, טראַמוויי־פירער אין דניעפּראָפּעטראָווסק, וואָס האָט נישט באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן מיט די סאָוויעטן. אַנופּרי האָט נישט געוואָלט צעשיידן זיך מיט זיין פאַמיליע און האָט זי באַגלייט. די רוצחים האָבן אים אָבער פילמאָל געצוואונגען זיך צוריקצוקערן:

— דו ביסט אַן אַריער און האָסט מיט די שמוציקע יידן איצט גאָרנישט צו טאָן. וואַרט צו, דיין צייט וועט נאָך אויך קומען... — האָבן די ס.ס.־לייט געשריגן צו אים.

ווען אַנופרי האָט דאָך נישט געוואָלט אָפּטרעטן, האָבן זיי אים מערדערלעך צעשלאָגן, און ער איז אַ צעבלוטיקטער אַוועק צוריק אין שטאָט אַריין. דאָרט האָט ער געטראָפן זיינעם אַ באַקאַנטן אוק־ראַינער, וואָס האָט אים געזאָגט:

— מען מוז אַלץ זען צו טאָן, כדי צו ראַטעווען דיין פאַמיליע.

דער באַקאַנטער האָט שנעל איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן און זיי זענען אין איין אימפּעט געקומען צו פאָרן אויפן שחיטה־פּלאַץ, ווו אַנופרי האָט גענומען שרייען, אַז עס איז געשען אַ טעות, אַז זיין פרוי און קינדער זענען ריינע אַריער... דאָס איז געווען דאָס איינציקע מיטל צו פּרוון זיי ראַטעווען. אָבער די קינדער האָבן שוין נישט געלעבט. און אַנופרי האָט געמוזט מיט געוואַלט אַוועק־רייסן חיה־רחלען פון גרוב, ווייל די אומגליקלעכע מאַמע האָט שוין מער נישט געוואָלט לעבן, נאָכדעם ווי זי האָט פאַרלוירן אירע קינדער.

דעמזעלבן אָוונט זענען אַנופרי מיט זיין פרוי אַנטלאָפן פון דניעפּראָפּעטראָווסק. זיי האָבן געפּרוווט לויפן צו מזרח־צו, אין דער סאָוויעטישער זייט. עס איז אָבער געווען אוממעגלעך. זענען זיי אַוועק אין דער ריכטונג פון לוצק. אומעטום האָט געברענט אַ פייער. אין גאַנצן פאַרנומענעם טייל מזרח־אוקראַינע זענען פאָר־געקומען שרעקלעכע הריגות אויף יידן. זיי זענען אַדורך שעפּע־טאָווקע, דובנע, זדאָלבונאָוו, געגנעכטיקט בייטאָג אין די וועלדער און מאַרשירט ביינאַכט.

אין מערב־אוקראַינע איז נאָך דעמאָלט געווען פאַרהעלטניש־מעסיק רואיקער. האָבן אַנופרי און חיה־רחל געוואָרנט די יידן, וועלכע זיי האָבן אָנגעטראָפן, און געבעטן זיך ביי זיי רחמים:

„באַהאַלט זיך אין די וועלדער, טוט עפּעס, כּדי זיך צו באַשיצן, זאָגט אָן אַלע יידן זיך צו ראַטעווען, ווייל די מערדערס וועלן אייך אַלעמען אויסקוילענען"...

דעמאָלט האָבן זיך אָבער נאָך געפונען אין דער אַמאַליקער פּוילישער אוקראַינע פּיל אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוואָלט גלייבן: אונדז מיינט מען דאָך נישט — האָבן זיי געטענהט, — מיר זענען דאָך נישט קיין קאָמוניסטן...

ענדלעך זענען די וואָוורניוקס אָנגעקומען אין אַנופּריס גע־בוירן־אָרט, אינעם דאָרף סאַדאָווסקאַיאַ וואָלקאַ (צווישן לוצקאָוו און וולאַדימיר־וואָלינסק). אַנופּרי האָט אַרויסבאַקומען פאַר זיין פרוי אַרישע פּאַפּירן און געגומען אַרבעטן ביי פּאָליאַקן אַלס פּאַסטעך און גערטנער. חיה־רחל האָט זיך פאַרנומען מיט שטוב־אַרבעט.

אַזוי איז אַדורך כמעט אַ יאָר. איינמאָל, געווען איז עס אין יולי 1942, איז צו זייערס אַ פּוילישער שכנה אַריינגעקומען אַ יידיש מיידל און געבעטן, אַז זי זאָל איר מיט עפּעס העלפן. די פּוילישע פרוי האָט איר דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט און געזאָגט:

„איך קען דיר מער נישט געבן, אָבער דאָ דערנעבן וווינען גו־טע מענטשן, אפשר וועלן זיי אויך עטוואָס טאָן פאַר דיר".

— ווען איך האָב אָנגעקוקט דאָס יידישע מיידל — דערציילט חיה־רחל — האָט מיר געשניטן ביים האַרץ. זי איז געווען אויס־געדאַרט, שמוציק און אָפּגעריסן. איך האָב אָבער מורא געהאַט זיך אַרויסצוגעבן אַלס יידישע, די דייטשן זאָלן זיך עס נישט דער־וויסן. איך האָב איר געגעבן עפּעס צו עסן און געבעטן זי זאָל גלייך אַוועקגיין.

„ווען דאָס מיידל איז אַרויס, בין איך איר נאָך פון דער ווייטנס. ווען זי איז שוין געווען אויסערן דאָרף, האָב איך זי אָפּגעשטעלט און גענוי אויסגעפרעגט. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי הייסט רבקה סעלצער און איז פון טאַרטשין.

„טייערע פרוי — האָט זי מיר געזאָגט — איך מוז אייך אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת: מיר זענען 75 יידן דאָ, באַהאַלטן אין אַ סכראָן (הייל) אין נאָענטסטן וואַלד. פון אונדז וועט גאָרנישט בלייבן, ווייל מיר האָבן זיך נישט פון וואָס אויפצוהאַלטן. נאָך אַ פּאָר טעג און מיר וועלן זיין געצווונגען זיך אַליין איבערצוגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ״...

— האָט מיר — זעצט פאָר חיה־רחל — דאָס האַרץ גענומען וויי טאָן און איך האָב באַשלאָסן עפּעס פאַר זיי צו טאָן. איך האָב דאָס מיידל געהייסן צוואַרטן און איר געבראַכט ברויט און צום ברויט. אָבער דאָס איז דאָך געווען אַ טראָפּן אין ים פאַר פינף און זיבעציק נפשות!

„מיין מאַן איז דעמאָלט געווען באַהאַלטן אויף אַ בוידעם, ווייל די דייטשן האָבן אין זעלבן טאָג געמאַכט אַבלאַוועס, כאַפּנדיק אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. ווען ער איז פאַרנאַכט צוריקגעקומען און איך האָב אים דערציילט, וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן, האָט ער אויף מיר גענומען שרייען, פאַרוואָס איך בין נישט געגאַנגען זען, ווו די יידן זענען. „האָסט פאַרגעסן — האָט ער מיר געזאָגט — אַז האָסט שוין אַליין זיך געפונען לעבן גרוב און גאָט האָט דיך געראַטעוועט. טאָ ווי אַזוי קענסטו פאַרגעסן אין דיינע ברידער?״...

„ער איז גלייך אַוועק אין וואַלד און האָט גענומען רופן: „יידן האָט נישט קיין מורא, איך וועל אייך העלפן!״... ביז עס איז אים געלונגען אָפּצוזוכן עטלעכע יידן פון „סכראָן״. ער האָט זיי איבערגעגעבן, אַז ער האָט אַ יידיש ווייב, האָט זיי געטרייסט און צוגעזאָגט צו טאָן פאַר זיי, וואָס ער וועט נאָר קענען. זיי האָבן אים צוגעפירט צום גרוב, ווו עס זענען געלעגן באַהאַלטן די יידן, וואָס האָבן נאָך קוים געזשיפּעט, און זיי האָבן אַלע אין איין געוויין זיך געבעטן: „ראַטעווע אונדז״...

„די זעלבע נאַכט נאָך האָט מיין מאַן אָנגעשלעפּט פאַר זיי עטלעכע זעק קאַרטאָפל און אַ ביסל קאַשע״.

פון דעם טאָג אָן איז די גאַנצע זאָרג פון פאַר־פאָלק וואָוורניוק געווען: ווי אַזוי ראַטעווען די יידן? ווי אַזוי זיי אויסהיטן פון איבער־פאַלן? ווי אַזוי זיי באַזאָרגן מיט עסן? און דערביי האָט מען גע־מוזט זיך אויסהיטן פאַרן מינדסטן וואָרט, פאַר דער מינדסטער באַוועגונג, אַז עס זאָל חלילה נישט זיין דער קלענסטער חשד, ווייל דעמאָלט איז אַלץ פאַרלוירן.

„מיין מאַן — דערציילט חיה־רחל — איז דאַן געפאַלן אויף אַזאַ איינפאַל: מיר האָבן זיך ביידע פאַרדונגען אַלס פאַסטעכער צו אַ פויער, וואָס האָט געהאַט זיין פעלד נישט ווייט פונעם וואַלד. מיר האָבן יעדן טאָג אַרויסגעפירט די בהמות צום פאַשען אויף די לאַנקעס אין וואַלד. די בהמות פלעגן מיר אַרויסטרייבן פאַרטאָג און אין דער זעלבער צייט פלעגן מיר מיטנעמען עסנוואַרג פאַר די יידן. מיין מאַן האָט פיל געגנבעט אין די גערטנער, — ווו אַ ציבע־לע, ווו אַ הייפטל קרויט, ווו קאַרטאָפלעס. ער האָט מיך אַ סך מאָל איבערגעלאָזט מיט די בהמות און אַליין איז ער אַוועק אין די אַנ־דערע דערפער אויסבייטן די זאַכן פון די יידן אויף עסנוואַרג. אין גרוב זענען געווען יידן פון לוכאַטש, זוטעטש, האַראַכאָוו, ראַ־זשישטש, ראָוונע און אַפילו פון אָדעס. געווען צווישן זיי צען פרויען און פינף קינדער.

„אַזוי האָט געדויערט ביז ווינטער, ווען מען האָט שוין די בהמות געמוזט לאָזן אין די שטאַלן. וואָס טוט מען? ווי אַזוי קומט מען אומבאַמערקט אַהין צו אונדזערע יידן? האָט מיין מאַן גענומען די האַק און אַ זעג און איז אַוועק יעדן טאָג אין וואַלד אַריין האַקן האָלץ, און אַזוי אַרום האָט ער ווייטער געטראָפן די יידן. ער האָט זיך געמוזט היטן נישט צו לאָזן קיין שליאַד אין שניי. האָט זיך דאָרט אָבער געפונען אַן אוקראַינישער וואַלד־וועכטער, וואָס האָט באַמערקט דעם „סכראָן". ער האָט געבראַכט פאָליציי, וואָס האָט דעם „סכראָן" אונטערגעצונדן. 13 יידן זענען דערשטיקט געוואָרן.

די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן. זיי זענען אָבער פאַרנאַכט צוריק־געקומען.

„ווו טוט מען זיי אַהין? ווו באַהאַלט מען אויס די פאַרבליבענע 62 יידן? דאָס אָרט איז געוואָרן געפערלעך און מען האָט געמוזט געפינען אַ צווייט פּלאַץ פאַר זיי. מיין מאַן האָט אויסגעזוכט אַן אָרט פאַר זיי אין אַ דערבייאיקן וואַלד, ווו זיי זענען פאַרבליבן עטלעכע טעג. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט אויסגראָבן אַ „זעמליאַנקע" אין אַ וואַלד דריי קילאָמעטער וויטער. געווען איז דאָס שוין אַ סך בעסער צוגעגרייט, מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג, מיט אַן אויוון. אין אָט דער „זעמליאַנ־קע" זענען די יידן פאַרבליבן אַ גאַנצן ווינטער און דעם גאַנצן זומער 1943. ווינטער פלעגן מיר אַהינקומען מיט קערבלעך זוכן האָלץ, און אין די קערבלעך איז געווען עסן. מיין מאַן פלעגט ביי־נאַכט עפענען קאַרטאָפל־קאָפּעצן, וואָס האָבן געהערט צו רייכע פויערן, און אָנשיטן גאַנצע זעק מיט קאַרטאָפל, וועלכע ער האָט געבראַכט פאַר די יידן פון דער „זיעמליאַנקע".

„די 62 יידן האָבן נישט געטאָרט מער אַרויסגיין פון זייער גרוב, כדי נישט צו ציען אויף זיך קיין בייז אויג. מיר האָבן זיך געזען בלויז מיט צוויי־דריי, וואָס פלעגן זיך אַרויסשלייכן פאַרטאָג און פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן געבראַכט עסן פאַר די יידן און אָפט מעדיקאַמענטן פאַר די קראַנקע.

„זומער האָט מיין מאַן געפּאַשעט שאָף פאַר אַ פויער. האָט ער געשאָכטן דריי שעפּסן און אַוועקגעגעבן די יידן דאָס פלייש. ער איז געקומען צום פויער און אים געזאָגט, אַז ער האָט פאַרלוירן דריי שעפּסן, וואָס האָבן זיכער פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. דער פויער האָט געשריגן, געדראָט, און מיין מאַן האָט געמוזט אָפּאַרבעטן פאַר דעם שאָדן. מיר זענען אָבער געווען איבערגליקלעך, וואָס מיר האָבן געקענט באַזאָרגן די יידן מיט פלייש".

.2

דאָס אַלץ דערציילט מיר איצט, אין חודש מאַי 1945, די פרוי חיה־רחל אין איר וווינונג אין אַ פאַרשטאָט פון דער סאָוויעטישער שטאָט לוצק. אין צימער איז זויבער. די ווענט — פריש־אויס־געווייסט. אויפן טיש אַ ווייס, בלאַנקענדיק טישטעך. און אויפן טישטעך — ווייס ברויט, קוכן און פרישע מילך. דאָס מאָל פון איר אייגענער קו. איר מאַן איז נאָר־וואָס אַריינגעקומען. דאָס האָט ער געבראַכט די קו פון פעלד. ער רעדט מיט מיר רוסיש. ער פאַר־שטייט אויך יידיש. דאָס איז אַ הויכער, עלטערער מאַן פון אַ יאָר 55, מיט אַ קאָפּ טונקעלע האָר. ער איז פשוט, האַרציק.

— איך האָב נישט געקענט ראַטעווען מיינע דריי קינדער, — זאָגט ער מיר — בין איך גליקלעך, וואָס איך האָב געקענט העלפן אָט די צוויי־און־זעכציק אומגליקלעכע מענטשן זיך צו ראַטעווען.

וואַורניוק דערציילט, וואָס ער פלעגט אַלץ טאָן, כדי צו באַ־זאָרגן די יידן מיט עסן, מיט צייטונגען. ער האָט עטלעכע מאָל באַ־זוכט דעם „פּאַלאַץ״, ווו די יידן האָבן געלעבט צונויפגעדריקט, שמוציק, נישט אָנזעענדיק קיינמאָל די ליכטיקע שיין. נישט גע־קוקט אָבער אויף זייערע שווערע באַדינגונגען, איז נישט געווען קיין איין טויט־פאַל צווישן די יידן. עס זענען אָבער געווען פיל קראַנקע, פאַר וועמען מען האָט געדאַרפט זאָרגן. האָט טאַקע וואַור־ניוק געבראַכט פון צייט צו צייט פאַר די קרבנות אַ ביסל מילך, אַ שטיקל פּוטער און רפואות.

אַזוי האָט עס געדויערט אין משך פון פערצן חדשים. צו יענער צייט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות, אַז עס זענען פאַראַן סאָ־וויעטישע פּאַרטיזאַנער אין דער געגנט. אַנופרי וואַורניוק איז אַוועק זיי דערציילן, אַז עס זענען דאָ יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער. דער פּאַרטיזאַנער־פירער האָט גלייך אַרויסגעשיקט אַ גרופּע קעמפער, וועלכע האָבן מיטגענומען מיט זיך די יידן.

— געווען איז דאָס — זעצט אַנופרי וואַורניוק פאָר — אין

האַרבסט 1943. מיר זענען ווייטער געבליבן אַרבעטן ביי די פּוילישע פויערן און האָבן שטענדיק זיך געפרעגט, וואָס עס איז געוואָרן מיט אונדזערע יידן. דעמאָלט האָבן באַזונדערס גענומען רודערן אין מערב־אוקראַיִנע באַנדעס אוקראַיִנישע פאַשיסטן — די באַנדעראָווצעס, — וואָס פלעגן הרגענען פּאָליאַקן, יידן און די פּראָ־סאָוויעטישע אוקראַינער. מיר האָבן פון זיי געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות. ענדלעך איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, די רויטע אַרמיי איז אַריין און האָט אונדז באַפרייט. מיר האָבן אַלץ איבערגעגעבן די סאָוויעטישע אָפיצירן, וועלכע האָבן אונדז געבעטן זיי צו העלפן אויסצוגעפינען די פּאָגראָמשטשיקעס. דרייצן פּאָליציאַנטן און צוויי ציווילע כוליגאַנעס זענען אויף אונדזערע אָנווייזונגען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַרן דערמאָרדן יידן. מיט עטלעכע טעג צוריק איז מיין פרוי אַרויסגערופן געוואָרן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק עדות צו זאָגן אויף אַ פּראָצעס קעגן עטלעכע אַזעלכע באַנדיטן.

כמעט גלייך נאָך דער באַפרייאונג זענען די וואָורניוקס אַוועק קיין לוצק, וווּ אַנופרי האָט גענומען אַרבעטן אין אַ פאַבריק. ער פלעגט שטענדיק רעדן מיט זיין פרוי וועגן גורל פון די 62 יידן: וואָס איז מיט זיי געשען? לעבן זיי נאָך?

עס זענען אַוועק חדשים. און איינמאָל עפנט זיך אויף די טיר און עס קומען אַריין עטלעכע יידן, וואָס פאַלן זיי אַרויף אויפן האַלדז און נעמען זיי קושן. דאָס זענען געווען די יידן פון דער „זיעמליאַנקע". אַנופרי און חיה־רחל האָבן, וואָס אַן אמת, זיי אין ערשטן מאָמענט נישט דערקענט, ווייל דאָסמאָל זענען זיי געווען אָפּגעוואַשן, אָפּגעשוירן און פיין אָנגעטאָן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שוין לאַנגע וואָכן ווי זיי זוכן אַרום זייערע רעטער. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פיל מתנות, אַ דאַנק־בריוו, אונטערגעשריבן פון זעכציק, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און לעבן, ווייל צוויי זענען פאַר דער צייט געשטאָרבן.

— עס איז געווען ביי אונדז שמחת־תורה — דערציילט חיה־רחל — מיר האָבן גלייך אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ פּאָר ליטער בראָנפן און מען האָט געפּראַוועט אַ סעודה, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט.

„צומאָרגנס זענען די יידן צוריקגעקומען און האָבן מיר גע־בראַכט צו פירן, שטעלט אייך פאָר וואָס? — אַ קו... מיר האָבן נישט געוואָלט, ווייל דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן, איז נישט געווען פאַר באַצאָלט. נאָר די יידן האָבן זיך באַליידיקט און מיר האָבן געמוזט אָננעמען די מתנה, וואָס קומט אונדז טאַקע גאַנץ גוט צונוץ" — גיט זי צו מיט אַ שמייכל.

די טיר עפנט זיך אויף און עס לויפט אַריין אַ שיין, שוואַרץ־אויגיק מיידעלע, מיט אַ פּעקל העפטן אונטערן אָרעם.

— אָט איז אונדזער מיידעלע — זאָגט חיה־רחל — מיר האָבן זי גענומען צו דערציען. זי איז אַ קיילעכדיקע יתומה. די עלטערן זענען דערהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן. זי הייסט ל א ה פּ אַ ס ט ע ק . איצט וועל איך נאָך אויפזוכן אירס אַ שוועס־טערל, וואָס געפינט זיך ביי אַ פּויער, וועלן זיי זיין ביי אונדז צו־זאַמען און עס וועט זיין פריילעכער.

דאָס מיידעלע איז שיין אָנגעטאָן, זי איז אַלט עלף יאָר, גייט אין שול, האָט זייער ליב די וואָוורניוקס, וועלכע טוען טאַקע אַלץ, זי זאָל פאַרגעסן, אַז זי איז אַ יתומה.

— שוין דאָס פערטע יאָר, ווי זי איז ביי אונדז. מיר האָבן זי געפונען און געהאַלטן ביי אונדז, ווען מיר זענען געווען אויפן דאָרף.

„זעט, — ווייזט מיר חיה־רחל מיט מוטערלעכער שטאָלץ — זעט, וואָס פאַר אַ פיין היטל מיר האָבן איר געקויפט. מיין מאַן האָט זי זייער ליב, און ווען איך שריי אַמאָל אויף איר, באַקום איך אַן „עליה" פון אים. זי טאָר נישט פילן — זאָגט ער — אַז זי האָט נישט קיין עלטערן".

קאַפּיטל 15

אַ דאַנק איך, באַפרייער!

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן:

— קיינער דאַרף זיך נישט דערווייטערן פון די קאַזאַרמעס. עס איז מעגלעך, אַז אינגיכן וועט איר אָפּפאָרן פון דאַנען.

דעם זעלבן אָוונט איז אַ באַקאַנטער אייזנבאַנער געקומען אונדז אָנזאָגן די בשורה, אַז אויפן וואָקזאַל ווערן שוין געגרייט די וואַגאָנען פאַר אונדזער צוג.

צוזאַמגנס זענען מיר אַלע פאַרזאַמלט אויפן הויף. קאָמענדאַנט באַטאַנזאָן דערקלערט אין עטלעכע ווערטער, אַז עס פרייט אים זייער, וואָס די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, דעפּאָרטירטע און פאַרשיקטע וועלן אינקורצן צוריק קענען זיין ביי זיך אינדערהיים. ער גיט דערביי צו, אַז ער גלייבט דאָס מיר וועלן נעמען אין אַכט די קריגס־באַדינגונגען, וועלכע האָבן נישט דערלויבט, מיר זאָלן אויפגענומען ווערן אַזוי ווי די סאַוויעטישע מענטשן זענען געווינט צו באַהאַנדלען פריינט און פאַרבינדעטע.

די פראַנצויזן זענען ביז גאָר גערירט. פיל פון זיי גייען צו, דריקן די האַנט פון קאָמענדאַנט און פון די אַנדערע אָפיצירן און סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך מיט אונדז אָפּגעגעבן מיט אַזויפיל זאָרגפולקייט און פאַרשטענדעניש אין פאַרלויף פון זעקס וואָכן צייט.

— פאַר דער פריינטשאַפט פון פראַנקרייך מיט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, הוראַ! — שרייען אויס טויזנטער שטימען.

●

עס בלייבן אונדז נאָך איבער עטלעכע שעה פאַרן אָפגיין פון צוג, כדי זיך איינצואָרדענען אין די וואַגאָנען און כדי איינצואָרדענען די וואַגאָנען גופא.

מיט דער איינפאַלערישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פראַנצויזישן מענטשן, ווערן די וואַגאָנען אויסגעפוצט פון אינעווייניק און פון דרויסן. די בלאָ־ווייס־רויטע פאָן פון פראַנקרייך און די ראַטנפאַרבאַנדישע רויטע פאָן פלאַטערן איבער דער גאַנצער לענג פון צוג. דאָס בילד פון סטאַלינען איז געמאַכט מיט אַלערליי פאַרבן. אַנדערע צייכענען אָן מיט קרייד פאַרשידענע אויפשריפטן:

— מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט פאַר אונדז געטאָן!

— זאָל לעבן די סאָוויעטישע אַרמיי!

— זאָל לעבן פראַנקרייך!

— מיר וועלן קיינמאָל נישט דערלויבן אויפצוהייבן קיין האַנט אויף פ. ס. ס. ר.!

אייניקע פאַרנעמען זיך מיט שילדערן דורך צייכענונגען און קאַריקאַטורן די מפלה פון היטלערן און פון אונדזערע „באַלעבאַטים" אין די לאַגערן. אַנדערע לאָזן אין גאַנג זייער פאַנטאַזיע, כדי אויסצומאָלן ווי עס וועט אויסזען אונדזער צוריקקום קיין פראַנקרייך.

ווען דער צוג נעמט רירן, זעען די וואַגאָנען אויס ווי אַ באַוועגלעכע, פאַרנדיקע אויסשטעלונג.

●

עס איז אָנהייב מאַי. די וועטערן זענען שיינע. די וואַגאָנען־טירן זענען כסדר אָפן און מיר אָבסערווירן די אוקראַיִנישע שטעט־לעך און קאָלווירטן, וועלכע מיר פאָרן פאַרביי. כאָטש דער דאָזי־קער טייל אוקראַיִנע איז ערשט נישט לאַנג באַפרייט געוואָרן, באַ־מערקט זיך שוין אַ קאָלאָסאַלע אָפּגעטאָענע אַרבעט. קודם כל זע־נען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן די באַן־ליניעס. אונדזער צוג באַוועגט זיך אויף נייע רעלסן. די רויטלעכע שטיינדלעך און דער פריש אָנגעשיטער זאַמד אַרום זאָגן עדות, אַז אַלץ איז דאָ פונ־דאָסניי געמאַכט געוואָרן, ווייל די דייטשן האָבן איבערגעלאָזן הינ־טער זיך לויטער חורבות. דעם צוג ציט אַ מעכטיקער לאָקאָמאָטיוו, אויף וועלכן עס הענגט פון פאָרנט דער פאָרטרעט פון סטאַלינען. שפּעטער טרעפן מיר זיך אָן אויף צענדליקער אַזעלכע לאָקאָמאָ־טיוון, פון וועלכע די פראַנצויזן — באַזונדערס די פון אונדז, וואָס זענען אייזנבאַנער פון פאַך — קענען זיך נישט אָפּוווּנדערן: אַזעל־כע מעכטיקע און מאָדערנע מאַשינען זעט מען נישט אין פראַנק־רייך.

אויף די פעלדער אַרבעטן די פּויערן. מען זעט טראַקטאָרן און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען זיך ציען איבער די פעל־דער, צוגרייטנדיק דאָס קומענדיקע גערעטעניש.

אַזוי זענען מיר פאַרבייגעפאָרן בערדיטשעוו, קאָראָסטען און אַ ריי אַנדערע שטעט. עס איז נישט נייטיק צו זאָגן, אַז מיר, יידי־שע „פּאַסאַזשירן", נוצן אויס באַזונדערס די פּאָר שעה, וועלכע דער צוג פאַרבלייבט אין בערדיטשעוו, כדי צו באַזוכן די שטאָט, וועגן וועלכער מיר האָבן אַזויפיל געהערט און געלייענט.

מיר האָבן געטראָפן בערדיטשעוו אין חורבות. די עטלעכע טוי־זענט יידן, שוין צוריקגעקערטע פון עוואַקואַציע, האָבן ווידער גע־נומען איינאָרדענען זיך. פונקט ווי אומעטום אין אוקראַיִנע, ווערט

דאָ אַלץ געטאָן, וואָס גיכער צו פאַרהיילן די וווּנדן, אָפּרייניקן די רואינעס און צוריק אויפבויען די שטאָט. אָבער די שוידערלעכע מעשים פון די היטלעריסטן האָבן דאָ אויף שריט און טריט איבער־געלאָזן טראַגישע שפורן. צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך צו עוואַקואירן, זענען דורך די נאַציס דערמאָר־דעט געוואָרן.

מיר באַזוכן אויף גיך אייניקע פאַבריקן, האַלב־צעשטערטע נאָך, ווו עס אַרבעטן פיל יידן, צוזאַמען מיט אוקראַינער און רוסן. מיר באַגעגענען אויך אין בערדיטשעוו אַ סך פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס וואַרטן אויף זייער ריי אַהיימצופאָרן דורך אָדעס.

●

אין וועג איז צו אונדז אָנגעקומען די פריידיקע בשורה וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון היטלער־דייטשלאַנד און וועגן דעם, אַז די מלחמה איז פאַרענדיקט. עס איז אומבאַשרייבלעך די פרייד פון אַלעמען. ביי יעדער סטאַציע באַגעגענען מיר גרויסע מאַניפעסטאַ־ציעס מיט פענער און לידער.

שלום! ענדלעך וועט זיין פרידן, ענדלעך איז דער היטלערישער באַרבאַריזם צעשטערט געוואָרן!

ענדלעך וועלן מענטשן קענען ווידער אָנהייבן רואיק אַרבעטן און בויען!

●

וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע, וואָס פאַר אַ ליכטיקע שטאָט איז אָדעס. נישט געקוקט אויף די גרויסע צעשטערונגען דורך די נאַציס, האָט די הערלעכע אָדעס נישט פאַרלוירן פון איר חן. אומעטום ברייטע אַלייען מיטביימער און בלומען. שיינע מאָדערנע הייזער, אַנצאָלי־קע סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־אַנשטאַלטן.

איבער אָדעס יאָגן אומאויפהערלעך טראַמווייען, וואָס זענען שוין צו יענער צייט פֿאַראַן אין אַ גענוגנדיקער צאָל, אַז עס זאָל אויסגעמיטן ווערן אַ גרויסער געדראַנג.

גלייכצייטיק איז אָדעס אַ צענטער פֿון גרויסע פֿאַבריקן, און דער עיקר: אָדעס איז די גרויסע פּאָרט־שטאָט, ווו טאָג און נאַכט ווערן אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן שיפֿן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אָדעס, זענען שוין דאָרט און אין די אַרומיקע שטעטלעך געווען טויזנטער פּראַנצויזן. כמעט אַלע זענען זיי אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין די סאַמע שענסטע און באַקוועמסטע ערטער. די אָרדענונג און היגיענישע באַדינגונגען זענען אומעטום געווען מוסטערהאַפֿטע.

אין די פּאָר טעג, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין אָדעס, האָב איך באַזוכט די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט. כ׳האָב יעדעס מאָל גענומען אַן אַנדערע טראַמוויי־ליניע און געפֿאָרן פֿון אָנהייב ביזן סוף. אַז כ׳פֿלעג באַמערקן אויפֿן וועג עפּעס אינטערעסאַנטס — אַ שיינע געביידע, אַ פּאַרק — האָב איך זיך געמאַכט אַ סימן, און צוריקפֿאָרנדיק, פֿלעג איך אַראָפּגיין אויף דער געגעבענער סטאַציע, כדי צו באַזוכן די דאָזיקע ערטער.

אין אָדעס האָבן זיך שוין דעמאָלט געפֿונען עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, צוריקגעקומענע פֿון טיף־ראַטנפֿאַרבאַנד. כ׳האָב באַגעגנט יידישע אַרבעטער און מאַטראָסן אין אָדעסער האַפֿן, יידישע אַרבעטער אין די גרויסע פֿאַבריקן, יידישע דירעקטאָרן, אָנגעשטעלטע, דאָקטוירים, אינזשעניערן.

כ׳פֿלעג אָפֿט אָפּשטעלן עלטערע יידן, מענער און פֿרויען, וואָס האָבן זיך אָפּגערוט אין די גערטנער, זיך געוואַרעמט אויף דער זון. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה, וועגן די הויכע פּאָסטנס, וואָס זייערע קינדער פֿאַרנעמען אין דער אַרמיי, אין די פֿאַבריקן, אין די אוניווערסיטעטן.

— זאָגט זיי, די יידן אין פראַנקרייך — פלעגט זיך כמעט תמיד פאַרענדיקן דער שמועס — זאָגט זיי, אַז אַדאַנק סטאַלינען לעבן מיר, אַז אַדאַנק אים זענען מיר פטור געוואָרן פון היטלערן ימח שמו!

●

אין פערטן פרימאָרגן פון אונדזער פאַרברענגען אין אָדעס האָט מען אונדז מיטגעטיילט, מיר זאָלן זיך נישט דערווייטערן פון דער געביידע, ווו מיר זענען איינגעשטאַנען, ווייל אין אַ פּאָר שעה אַרום פאָרן מיר אָפּ קיין פראַנקרייך. די סאָוויעטישע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך מיט אונדז פאַרנומען, האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו פאַר־איינפאַכן ביזן מאַקסימום די פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן.

און אָט געפינען מיר זיך אין פּאָרט. מיר שטייגן אַרויף אויף דער שיף — אַן ענגלישער קרייצער, וועלכער איז פאַראַנקערט ביים ברעג. מיר זענען אַכצן הונדערט פראַנצויזן און עטלעכע צענדליק בעלגישע הויכע אָפיצירן.

מיין בליק פאַלט אַ לעצט מאָל אויף דער שטאָט אָדעס, אויף אירע שיינע הייזער, אויף אירע גערטנער, אויף אירע פאַבריקן, אויף איר פּאָרט, וואָס איז אין פולער באַוועגונג. אַלץ איז באַלויכטן דורך דער העלער מאַי־זון. אַלץ שמייכלט. אַלץ אַרום זינגט דאָס געזאַנג פון יוגנט, פון פרילינג, פון בויען, פון שאַפן, פון גליק.

די אויגן פאַרזשמורען זיך אונטער דער שפע פון ליכט. אַ לייכ־טער טוי באַפייכט זיי. און מיטאַמאָל נעם איך אַלץ זען ווי אין אַ נעפּל, פון וועלכן עס הייבן זיך אָן אַרויסשיילן מיט אַ שנעלקייט, מיט וועלכער קיין שום אַוויאָן, קיין שום פילם־לענטע קען זיך נישט פאַרמעסטן, אָפּגעריסענע בילדער פון די לעצטע זעקס יאָר: מל־חמה... דער פראָנט... די געפאַנגענשאַפט... די באַפרייאונג... די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ... די יתומים אין לובלין... דער ערש־טער מאַי אין לוצק...

...איך זע זיך אינעם לאַגער פון האָהענשטיין. ס׳איז 1942. אַ וואַנט שטעכל־דראָטן טיילט אָפּ דעם פראַנצויזישן טייל לאַגער פונעם סאָוויעטישן. דורך איר האָט אַ פראַנצויזישע האַנט דערלאַנגט אַ סאָוויעטישער האַנט אַ קאָנסערוון־פּושקע מיט אַ ביסל זופּ, אָפּגע־שפּאָרט פון אייגענעם מויל. אָט איז זי נאָך, די האַנט, אַן אַרויס־געשטרעקטע דורך די דראָטן. די צווייטע האַנט הענגט אומבאַ־וועגלעך אַראָפּ צו דער ערד. די קאָנסערוון־פּושקע קייקלט זיך. די זופּ איז אויסגעגאָסן...ביידע געפאַנגענע — דער סאָוויעטישער און דער פראַנצויזישער — זענען טויט. אַ דריטע האַנט — אַ נאַצישע — האָט מיט עטלעכע רעוואָלווער־קוילן זיי דערשאָסן.

...ביי דער זעלבער וואַנט פון שטעכל־דראָטן שטייט אַ פּאָר טעג שפּעטער אַ גרופּע דייטשע וואַכלייט. זיי האָבן נאַרוואָס פּאַרענדיקט עסן מיטאָג. זיי קוקן מיט גרויס הנאה אויף די סאָוויעטישע גע־פאַנגענע, די לעבעדיקע מתים, פון יענער זייט דראָטן. די פּנימער פון די דאָזיקע געפאַנגענע האָבן שוין כמעט נישט קיין מענטשלעכן אויסזען. אייניקע זענען געשוואָלן און אַלע אַנדערע זענען אַזוי אויסגעדאַרט, אַז אונטער זייער דורכזיכטיקער הויט האָט איר דעם איינדרוק צו זען די פאַרטרוקנטע און איינגעשרומפּענע ביינער. פון צייט צו צייט טוט זיך איינער אַ וואַקל, פאַלט צו צו דער ערד. זיינע חברים בייגן זיך צו, טרייסלען אים. אומזיסט. ער איז טויט. געשטאָרבן פון הונגער.

150... 200... 250... דאָס איז די טעגלעכע צאָל טויטע סאָוויעטי־שע געפאַנגענע. זיי שטאַרבן פון הונגער, פון טיפוס, פון נאַצישע קלעפּ און קוילן. מען פירט אַרויס די נאַקעטע טויטע קערפּערס אויף פורן, צו דעם בית־עולם דערנעבן, וווּ עס זענען אויסגעגראָבן גרויסע גריבער. פּופּציק אין אַ גרוב... דער לאַגער־קאָמענדאַנט, פּולווער, האָט ליב פּינקטלעכקייט. פּופּציק אין אַ גרוב. דאַן אַ שיכט קאַלך, אַ שיכט ערד, אַ שטיקל האָלץ, וואָס שטאַרט אַרויס פון דער ערד, מיט אַ נומער: דער נומער פון מאַסן־קבר.

די גרופּע וואַכלייט שטייט ביי דער דראָטן־וואַנט און קוקט זיך צו מיט אַנטציקונג צו דעם, ווי דאָס לעבן לעשט זיך אויס מינוט נאָך מינוט, סעקונדע נאָך סעקונדע אין די דאָזיקע אויסגעהונגער־טע וועזנס. איינער פון די דייטשן דערמאָנט זיך קענטיק אין עפּעס, לויפט אַריין אין דער אונטער־אָפיצירן־קיך און קומט צוריק אַרויס מיט אַ פאַרפוילט הייפּטל קרויט. ער ווייזט עס די אַנדערע וואַכ־לייט, וואָס צעלאַכן זיך הילכיק. ער גיט דאָס הייפּטל קרויט אַ וואָרף אַריבער די דראָטן... די דייטשן וואַרטן געשפּאַנט אויפן „ספּעקטאַקל", וואָס וועט זיך גלייך אָפּשפּילן פאַר זייערע אויגן: ווי אַזוי הונדערטער אויסגעהונגערטע געפאַנגענע וועלן זיך אַ ריס טאָן, כדי צו כאַפּן דאָס קרויט.

און באמת: גלייך גיבן זיך אַ צענדליק הענט אַ שטרעק אויס צום אָרט, וווּ דאָס קרויט איז געפאַלן. אייניקע פאַלן אום. די אַנ־דערע שטויסן זיך. אַזאַ קרויט... כאַטש אַ טייל, כאַטש אַ שטיקל... דאָס באַדייט דאָך נאָך אַ טאָג לעבן... און אפשר צוויי טעג...

די וואַכלייט ביי די שטעכל־דראָטן לאַכן הויך. זיי ווילן זיך. זיי וואַרטן אויפן סוף...

און אָט דערנעענטערט זיך דער סוף. איינער פון די סאָוויעטישע געפאַנגענע, וואָס איז די גאַנצע צייט, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע, געשטאַנען אין אַ זייט, גייט האַסטיק צו און נעמט זיך מיט די עלנבויגנס עפּענען אַ וועג צווישן די דאָזיקע אויסגעצויגענע הענט. ער איז אויסגעדאַרט פּונקט ווי די אַנדערע, אָבער זיי טרעטן אים אָפּ דעם וועג. ער טוט אַ נעם דאָס קרויט און הייבט עס אויף הויך, ווייט איבערן קאָפּ. די אַרומיקע קוקן פאַרבליפט אויפן קרויט, ווי אויף אַ לעצטן אָנהאַלט אין לעבן... די וואַכלייט קעגנאיבער אַמור־זירן זיך שטאַרק. זיי וואַרטן אויפן געשלעג אַרום דער „מתנה", וואָס זיי האָבן צוגעוואָרפן זייערע קרבנות...

און דאָ הערט זיך די שטים פון דעם, וואָס האַלט דאָס קרויט: „האָט איר שוין — שרייט ער צו זיינע חברים — פאַרגעסן, אַז מיר

זענען רויטע אַרמייער? אַז די גאַנצע וועלט קוקט אויף אונדז? וועט איר זיי, די היטלערישע הינט, אַנטאָן דאָס פאַרגעניגן און אַרומ־קריגן זיך?״...

די הענט פון די סאָוויעטישע געפאַנגענע זענען אַראָפּגעלאָזט. בלויז איין האַנט איז געבליבן אויסגעשטרעקט. גיך גיט זיך די דאָ־זיקע האַנט אַ באַוועג און דאָס קרויט פליט צוריק אַריבער די דראָטן און פאַלט דעם דייטשן וואַכמאַן אין קאָפּ...

אַ געלעכטער, אַ האַרציק, אַ טריאומפירנדיק געלעכטער פון הונדערטער סאָוויעטישע געפאַנגענע פאַלט גלייכצייטיק איבער די קעפּ פון די דייטשע וואַכלייט.

●

...איך קוק אויף דער שטאָט אָדעס, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר אונדז מיט אַזויפיל שיינקייט, מיט אַזויפיל רייץ. איך דערקען אין יעדן פון די אַרבעטער פון פאָרט, אין יעדן פון די מאַטראָסן, פון די סאָלדאַטן און אָפיצירן — דעם סאָוויעטישן געפאַנגענעם מיטן שטאָלצן אויפגעהויבענעם פּנים, מיט דער האַנט געצילט אינעם קאָפּ פון נאַצי... דאָס זענען זיי, די רומפולע פאַרטיידיקער פון אָדעס, די וואָס האָבן זינט פיר יאָר געשלאָגן דעם שונא ביי מאָסקווע און ביי לענינגראַד, ביי סטאַלינגראַד און קורסק, אויף דער ווייסל און ביים באַלטישן ים. דאָס האָבן זיי אים געשלאָגן אַלס פאַרטיזאַנער אין דייטשן הינטערלאַנד און אַלס פאַבריק־אַרבעטער און קאָל־ווירטניקעס אין דעם סאָוויעטישן הינטערלאַנד. דאָס האָבן זיי אים דעריאָגט ביז בערלין, ווו זיי האָבן הויך פאַרהאָנגען די פאָן פון זיג. פון זיג פונעם מענטש איבער דער חיה.

...איצט איז די מלחמה פאַרענדיקט. מיר זענען פריי. פריי איז גאַנץ איירָאָפּע. דאָס האָט די רויטע אַרמיי זי אויסגעלייזט פון דער פאַשיסטישער באַרבאַריי, פון פאַרשקלאַפונג און פאַרניכטונג. דאָס האָט די רויטע אַרמיי גענומען נקמה פאַר די צענדליקער מיליאָנען

אומשולדיקע קרבנות פון היטלעריזם, פאַר די מיליאָנען אומגעבראַכטע יידן. דאָס האָט זי אינעם גרויליקן ווינטער אונדז געבראַכט דעם אָנזאָג פון פרילינג; דאָס האָט זי אין דער חושכדיקער נאַכט אונדז געבראַכט די שטראַלן פון אויפגייענדיקן טאָג...

●

אַ שאַרפער סירענע־פייף רייסט איבער מיינע געדאַנקען. די שיף רירט פון אָרט. הונדערטער הענט פון פראַנצויזן ענטפערן אויף די גרוסן פון די האַפן־אַרבעטער און פון די סאָוויעטישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס האָבן אונדז באַגלייט.

די שיף־סירענע פייפט איצט נאָך העכער, מיט נאָכמער קראַפט, ווי זי וואָלט זיך אָנגעשלאָסן אין די פריידיקע שטימען, וואָס טראָגן זיך פון דער שיף צום ברעג און פונעם ברעג צו דער שיף:

— וויוו ל׳איניאָן סאָוויעטיק! (זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד!).

— דאַ זדראַסטוויעט פראַנציאַ! (זאָל לעבן פראַנקרייך!)

— פריוויעט פראַנצוסקאָמו נאַראָדו ! (אַ גרוס דעם פראַנצויזישן פאָלק!)

— מערסי אַ נאָ ליבעראַטער!

אַ דאַנק אייך, אונדזערע באַפרייער!

אינהאַלט:

פאָרוואָרט — י. קאָרמאַן — — — — — — — — 5

1. אין „קראַנקען־רעוויר" — — — — — — — — 9

2. די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע — — — — — 21

3. פּעטוּנעס מיניסטער קומט „צוגאַסט" — — — 25

4. די באַפרייאונג — — — — — — — — — — 34

5. סאָוויעטישע מענטשן — — — — — — — — 43

6. אין וואַרשע, פעברואַר 1945 — — — — — — 60

7. דער שונא לויערט — — — — — — — — — 65

8. אויף אַ יידישער קולטור־אונטערנעמונג — — — 72

9. מיט יידישע יתומים — — — — — — — — 75

10. מאַריאַ קוסאַי — — — — — — — — — 90

11. אין לוצק — — — — — — — — — — 96

12. דער ערשטער מאַי — — — — — — — — 101

13. יידישע פּאַרטיזאַנער — — — — — — — 107

14. אַנופרי וואָורניוק — — — — — — — — 123

15. אַ דאַנק אייך, באַפרייער! — — — — — — 133

Imprimerie S.I.P.N.,
14, Rue de Paradis
— PARIS (Xe) —